קליינע ביבליאָטעק נומ׳ 5
קיִעוו: קונסט־פֿאַרלאַג ; איבערגעדרוקט אין
אייגנס 1 (1918): 1 - 40

rewrite of מעשׂה מחכם ותם
3 texts of denying that the mt. exists

דער נסתּר

# צום בארג

אין יענער נאכט בין איך אין געוויסן, גרויסן און ווילדן וואלד געוועזן, בא דער באבע אין איר שטיבעלע אן אוירעך געזעסן, און שטיל און שווייַגנדיק אינאיינעם מיט איר אין אָוונט און אין שטילקייַט אף איר אלטן געווארט.

אין דרויסן איז א ווינט געוועזן. געדרייט און געטון־זיך האָט אין וואלד, עפּעס פאר דער טיר און באנאכט פאר טיר, און אין שטיבעלע האָט א קאנעצל געברענט, שוואך און צוגעשלאָגן אף די ווענט אָפּגעשייַנט, און שטיל און אומעטיק די באבע און אלטקייַט באלויכטן.

זייַנען מיר א צייַט איינס קעגן אנדערן געזעסן, איך נישט איר און זי נישט מיר קיין וואָרט נישט געזאָגט, נאָר שטיל און זיך אָנגעקוקט, זיך באטראכט און שטיל געשוויגן. אזוי לאנג און זייער לאנג, ביז די באבע האָט זיך פאמעלעך פון איר אָרט און לאנגן אָוונט־זיצן אופגעהויבן, צום אויוון צוגעגאן, זיך אונטער אים אָנגעבויגן, שפּענדלעך און צווייַגן ארויסגענומען, אפּן פּריפּעטשיק אָנגעלייגט און א פייַער אָנגעצונדן. א ווייַלע אזוי בא דעם געשטאנען, האָט זי זיך נאָכאמאָל אָנגעבויגן, פון ערגעץ א קיילע ארויסגענומען, זי אויסגעוואשן, זי מיט וואסער אָנגעגאָסן, גראָזן מיט קרייַטעכצער ארופגעשאָטן און צום פייַער צוגעשטעלט. אָוונטיק און פארטראכט, צוגעבויגן און אלטלעך האָט די באבע דאן א צווייַג צו א צווייַג און א שפּענדל צו א שפּענדל צוגעלייגט, האָט זיך עס צעברענט, האָט זיך דאן די באבע פון אויוון אָפּגעטיילט, צו מיר און צו מייַן אָרט דאן צוגעגאן און נישט גערעדט און נאָר מיטן טייַטפינגער מיר אף א נעבן־שטייענדיק באנק־בעטל אָנגעוויזן: ס׳איז שפּעט...

מוסקעם און נישט דערווידערט, נישט איבערגעלייגט זיך או געפּאָלגט האָב דעם טײַטפינגער דער באבעס, האָב איך זיך פון מײַן אָרט אופגעהויבן, צו באנק־בעטל צוגעגאן, מײַן טאָרבע מיר צוקאָפּנס געלייגט, זיך אנידערגעלייגט און מיטן פּאָנעם צו דער וואנט זיך אויסגעקערעוועט.

פונעם וואלד, און פון ביימער און וואלד, האָט זיך נאָך דער ווינט און זײַן ברומען געהערט, און אין שטיבעלע איז שטיל געוועזן — פלאם בא פלעמל און צווײַג בא צווײַגעלע האָבן זיך אָנגענומען, און די באבע איז דערבײַ געשטאנען, פארטראכט און פארזאָרגט אזוי אף פריפעטשיק און אף פײַערל געקוקט, אלעמאָל עפּעס אונטער דעם אונטערגערוקט און די גאנצע צײַט מיט דער האנט געשארט און עפּעס צורעכטגעמאכט, ביז — די קיילע האָט פארזידן גענומען. שטיל, און געהערט האָט זיך שוין דאָס בולבען זיך פון זידן, געקאָכט און געכלינעט האָט די וואסער אין קיילע, ראנד־ארום און, פון פײַער באלויכטן, האָט א פארע געשלאָגן, געשלאָגן און ארום דער ראנד געפּארעט.

אין די באבע דאן צו מײַן געלעגער צוגעגאן, זיך בא מײַן צוקאָפּנס אוועקגעשטעלט און, מיינענדיק, אז איך בין אײַנגע, שלאָפן, מיך באטראכטן גענומען, אף מײַן פּאָנעם מיר געקוקט אף מיר מיטן קאָפּ געשאָקלט, געשאָקלט און מיך באדויערט: „אזוי יונג, אזוי יונג און שוין אין גייערס געגאנגען”... געשטאנען און געשטאנען, דערנאָך ווידער צום אויוון צוגעגאן און שוין צום פּארטיק־געוואָרענעם זיך גענומען: די וואסער מיט די קרײַטעכצער אין א שיסל אויסגעליידיקט, אפּן מ״ש אוועקגעשטעלט, דערנאָך צו דער טיר צוגעגאן, מיטן פּאָנעם צום דרויסן זיך געקערעוועט, און אזוי, און ווי צו עמעצן רופן און שטיל רופן גענומען:

— אלטער! א? אלטער?

קיין ענטפער.

— אלטער, וואָס איז, אלטער?

ווידער דאָסזעלבע.

און צום דריטן מאָל האָט די באבע גערופן:

— אלטער, אלטער, די באבע רופט דיך...



האָט זיך דעמאָלט פון דער טיר און פון יענער זײַט א שאָרכן און זוכן דערהערט, עפּעס האָט דאָרטן א האנט געשארעוועט, אין דער פינצטער די קליאמקע געזוכט, און לעסאָף און געפונען, האָט זיך די טיר געעפנט, און אף דער שוועל האָט זיך א הויכער, גראָוער און פעסט־געבויטער אלטער זיך באוויזן — מיט א שטעקן אין האנט, מיט א גארטל אף די לענדן, מיט קליידער פון וואלד און מיט באָרד און פּאָנעם פונעם ווינט אין וואלד און אף שוועל זיך אוועקגעשטעלט.

— פונוואנען אזוי שפּעט, אלטער?

— פונעם ווינט — האָט דער אלטער געענטפערט.

— און וואָס געבראכט פון ווינט?

— א ידיעה.

— אז וואָס?

— מ'האָט זיך צום בארג געלאָזט.

— ווער?

— ...ווער שלאָפט עס דאָ בא דיר, באבע?

— א גייער.

אויסגעדרייט האָט זיך באלד צו מײַן געלעגער דאן דער אלטער, צו מיר צוגעגאן, זיך אָפּגעשטעלט, מיך באטראכטן גענומען, געקוקט און האָט שמייכלען אָנגעהויבן, געקוקט און מיט פרייד מיט שטילער, און באלד זיך צו דער באבע געקערעוועט, איר אזוי געזאָגט:

— באבע, דאָס איז ער.

— ער? אזוי יונג און נאָך ניט געפּרוווט.

— ער איז ראָע און וועט געפּרוווט ווערן.

— און זײַן ערשטע פּרווו וועט זײַן?

— ער וועט וויסן ווער ער איז און וויסן, אז מע פּרוווט אים.

— איז וואָס?

— איז שלעכט: ווייסט ער, האָט מען בא אים דאָס הייליקע נישט־וויסן צוגענומען. דארף מען לעבן — לעבט מען פריער, דארף מען זײַן — איז מען פריער, איז דאָס א שטראָף פון גאָט, איז דאָס די ערגסטע פּרווו.

— און ווען וועט דאָס זײַן?

— ס׳איז שוין.
— וואָס הייסט?
— ער הערט און שלאָפט ניט.

און אויסגעדרייט האָט זיך באַלד צו מײַן געלעגער דער אַל־טער און מיר אַ זאָג געטון: „גייער, שטיי אויף, מיר דאַרפן זיך באַלד און נאָך הײַנט אין נאַכט אין וועג לאָזן... און דו, באָבע, — האָט ער זיך צו דער אַלטער געקערעוועט, — גיב דאָס אָנגעגרייטע״.

— שוין גרייט, — און די באָבע האָט דעם אַלטן אויף דער שיסל און אויפן טיש אָנגעוויזן.

האָבן מיר זיך אַלע דרײַ באַלד צום טיש געזעצט. שטיל און יעדערער מיט זיך פאַרנומען, דאָס קרײַטער־געקעכץ אָפּגעגעסן, די גאַנצע צײַט צווישן זיך נישט גערעדט, גאָרנישט ניט געזאָגט, און איינער דעם צווייטן אין די אויגן זיך נישט געקוקט. אָפּגע־געסן, און אויפגעהויבן האָט זיך דער אַלטער פון בענקל דעמאָלט, פון טיש אַרויסגעגאַן, דאָס אויבערקלייד זיך צעשפּיליעט, בעסער און אָפּסנײַ דעם גאַרטל זיך אונטערגעבונדן און מיר זיך צוגרייטן געהייסן. שטיל און וואַרטנדיק האָט, בעשאַס מײַן גרייטן זיך, גע־קוקט אויף מיר דער אַלטער, ביז איך האָב זיך מײַן טאָרבע צוגע־קליבן, אויף די פּלייצעס זי פאַרנומען, איבער רוקן זי פאַרבונדן און גרייט געוואָרן.

— און איצט, גייער, קום.
— אויף ווי לאַנג, אַלטער? — האָט באַ אים די באָבע געפרעגט.
— אויף זייער.
— אויף גיין מיט אים?
— ניין, אים דעם וועג ווײַזן.
— גיי געזונט.

און מיר זײַנען פון שטיבל אַרויס, באַלד אין דרויסן און אין פינצטערניש געקומען, און אַזוי אין וואַלד, און אין טיפן וואַלד, אין נאַכט אַוועקגעגאַנגען.

---

זײַנען מיר אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען — פון האַלבער נאַכט אין שפּעטערער, פון מיטן וואַלד אין טיפערן — אַזוי אַ שעה און צוויי, ביז אין וואַלד האָט טאָגן אָנגעהויבן. און געזען האָבן



מיר, ווי שטיל און בלאַס איז דער וואַלד אין זײַן געדיכטעניש און אין זײַן אַרומיקײַט געשטאַנען, מאַט און אָפּגעשוואַכט פון נעכטיקן און אָוונטיקן אָפּגערוט, פון ווינט און געוועזענעם אָנ־שוויגן געוואָרן, געשטאַנען און געטאָגט, געטאָגט און געשוויגן, און מיט ביימער, און מיט שוואַכע ביימער, אַלץ מער און מער אין בלאַסן און אין פאַרטאָגיקן געקומען. און מיר זײַנען געגאַנ־גען. און פּלוצים... און דערזעען האָבן מיר, ווי ווײַט־ווײַט, אין וואַלד און צווישן ביימער דאָרט, האָט זיך אַ הויכער, לאַנגער יעגער באַוויזן, צווישן ביימער דאָרט געגאַנגען, אַרויסגעגאַנגען, און ווײַט, און אויף מיט און אויף אונדזער וועג געשטעלט זיך. אָנ־געקומען און דערנעענטערט האָבן מיר זיך צום אָרט, צום יעג[illegible] האָט זיך באַלד דער אַלטער אים פּאָנעם על פּאָנעם געשטעלט, מיט זײַן הייך און זײַן קערפּער מיך פאַר זײַנע אויגן פאַרשטעלט, שטיל און נישט גערעדט, אויף אים קוקן גענומען, דער יעגער אויף אים, און אַזוי, און ווי פון לאַנג באַקאַנטע, זיך ווויסנדיק און שווײַגנדיק, האָבן איינס דאָס אַנדערע אָנגעקוקט, זיך אָנגעקוקט און געשוויגן.

— יעגער, וואָס דאַרפסטו? — האָט דער אַלטער נאָך לאַנגן אָנ־קוקן זיך צום יעגער געווענדעט.

— דו ווייסט אַליין, — האָט ער אים געענטפערט.

— וואָס אַזוינס?

— שפּײַז פאַר מיר און פאַר מײַן הונט.

— דער וואַלד איז ליידיק, דער וואַלד איז באַרויבט, גרויסע האָבן זיך איבערגעצויגן, און קליינע האָבן זיך אין די לעכער באַהאַלטן.

— הייס אַרויסגיין!

— איך גיב נישט און איך שאַף נישט.

— ביסט רײַך, אַלטער.

— כ׳בין אַלט און באַ גאָרניט געבליבן.

— באַ גאָרניט, זאָגסטו? — און דאָ האָט דער יעגער איבערן אַלטנס פּלייצעס אַריבערגעקוקט, און שטיל און ביגנייווע, פאַר־שטעלט און שפּאָטיש אויף מיר, און אָנווײַזנדיק, אַ פרעג געטון:

— און דאָס, אַלטער?

— ס׳איז דאָס לעצטע, כ׳גיב נישט.

— גייסטו נישט!

— זאָג, וואָס־זשע ווילסטו?

— רעשוס אף א קוק טון...

נאָכגעגעבן און געגנייט, געמוזט און אָן ברײרע, איז דער אלטער דאן פון פאר מיר זין דער זײַט ארײַן אָפּגעגאַן, מיך אליין געלאָזט, שטיל און צוקוקנדיק אין דער זײַט זיך געשטעלט, און איך בין אויג אף אויג און פּאָנעם על פּאָנעם מיט יעגער געבליבן. און א קוק געטון האָט מיר דער יעגער אין די אויגן דעמאָלט, לאנג און ערנסט אין מיר זיך אײַנגעקוקט, געניט און מיט מעווינעס און ניט אופגעהערט, און אזוי, און דורכדרינגענדיק, ביז ער האָט לעסאָף עפּעס זײַנס און געוווּנשנס בא מיר אין קוק געפונען, האָט ער שוין שמייכלענדיק און צופרידן זיך צום אלטן געווענדעט, אין זײַן זײַט זיך געקערעוועט:

— און אצינד, אלטער, גיי.

און אָפּגעגאַן איז דער יעגער מיט זײַן הונט אונדז פון וועג דאן פון שטילן, נאָכן קוקן און אָפּשווײַגן אין וואלד און אין דער אקעגן־זײַט ארײַנגעגאנגען, און אזוי, פון מײַן און אלטנס קוקן באגלייט, אלץ מער און מער אין וואלד דאָרט פארשווונדן.

און צוגעגאַן איז דער אלטער נאָכן יעגערס אוועקגיין צו מיר דעמאָלט, אַ שטילער און בעסאָד מיט זײַן הויכער פיגור צו מיר צוגעטראָטן, און שטום און נאָר מיט א פינגער אף ווײַט און אף וואלד און אף יעגערס אָפּגיין מיר אָנגעוויזן, מיך א פרעג געטון:

— און ווער איז דאָס, ווייסטו?

— כ׳ווייס, — האָב איך אים געענטפערט.

— אף געוויס, גייער?

— זײַ רויִק, אלטער.

— איז גוט.

האָט זיך דער אלטער באלד נאָך מײַן ענטפער דעם א פרײלעכער צום וועג זיך אויסגעדרייט, באגוטיקט און אופגעלייגט דעם שטעקן אף דער ערד געשטעלט, און ווײַטער און צום וואלד און צום גיין אין וואלד מיך גערופן.



און אָפּגעגאַן זײַנען מיר פונעם וואלד פון דאָרטיקן — מיטן טאָג און ליכטיק ווערן, מיט וואלד און באגינען, מיט ביימער פון אויבן און מיט שטילקײַט אין ביימער, צופרידן און איבערגעקומען, אופגעלייגט און פרײַ געוואָרן, ביז מיר זײַנען לעסאָף צו א בארג אין וואלד אָנגעקומען. געלעגן איז דער בארג אין וואלד דאָרט אין מיטן, ארום און ארום און מיט ביימער באוואקסן, ארום און מעשופּע און מיט גראָז באדעקט, און מיט קאָפּ און הויכקײַט איבער וואלד זיך ארויסגעזען. אָפּגעשטעלט און ארופגעקוקט האָבן מיר אף בארג א ווײַלע, בא אים און בא זײַן צופוסנס געשטאנען, דערנאָך אים ארומגעגאַן, אן אָרט אף צו אים ארופקומען געפונען, ארופגעגאַן און דערזען:

קליין און פארלאָזט, אלט און טויבלעך איז פון אויבן א כורווע־שטיבעלע געשטאנען, איבערגעלאָזט און פּוסט האָבן די טירן און לאָדן אויסגעזען, און ליידיק און פינצטער האָט דאָס פּוסטקײַט פון די שפּאלטן ארויסגעקוקט. און צוגעגאַן איז דער אלטער צו דער טיר פון כורווע, בא איר זיך אָפּגעשטעלט, שטיל און מיט אָפּשיי פאַר איר געשטאנען, דערנאָך די האנט אופגעהויבן און אין איר זיך קלאפּן גענומען: „זאָקן, זאָקן!"... האָט זיך באלד פון דער טיר פון כורווע עפּעס טריט דערהערט, אלט און קרעכצנדיק האָט זיך דאָרטן עפּעס רירן גענומען, לאנג געפּאָרעט און די טיר געזוכט, און לעסאָף — און אופגעעפנט האָט זיך די טיר פון כורווע און אף איר שוועל האָט אן אלטער, ציטערדיקער און אײַנגעבראָכענער זאָקן זיך באוויזן.

— זאָקן, זאָקן, כ׳האָב דיר געבראכט, — האָט דער אלטער נאָענט און אין זאָקנס אויער ארײַנגעשריגן,

— הא? כ׳הער נישט.

— כ׳האָב אים געבראכט, זאָקן!

— ווו איז ער, פיר אים אהער.

און צוגעפירט האָט מיך דער אלטער צום זאָקן דאן, צום ציטערדיקן, זײַנע הענט אף מײַן קאָפּ ארופגעלייגט, מיך אים אָנטאפּן געגעבן, און ווײַטער נאָענט אים אין אויער ארײַנגעשריגן: „בענטש אים"... האָט מיך דער זאָקן דאן מיט די הענט אָנגענומען, אלט און פארלירנדיק אזוי איבער מײַן קאָפּ געפירט

איבער אים געשטאנען, לאנג און לענגער אים אין דער שטיל
געהאלטן, אזוי און נישט פארשטענדלעך עפּעס מיט די ליפּן גע־
שעפּטשעט און שטיל און שעפּטשענדיק מיר מײַן קאָפּ געבענטשט.
אָפּגעבענטשט, האָט דער אלטער דעם זאָקן פאר א האנט אָנגע־
נומען, צו דער טיר אים ארויסגעדרייט, און אונטערהאלטנדיק און
אינײנעם מיט אים, צוריק אין כורווע ארײַנגעגאן. לאנג זײַנען
זיי דאָרט אליין אין כורווע געבליבן, און געהערט האָב איך, ווי
איינער מיט אנדערן האָבן זיך עפּעס אין שטוב געפּאָרעט, שטיל
און פארהוילן האָט זיך עפּעס געטון אין כורווע, און איך בין די
גאנצע צײַט אינדרויסן פאר דער טיר געשטאנען און פאר דער
שוועל אף א סאָף געוואַרט. האָט זיך דער אלטער, נאָכן זאמען
לאנגן, אף דער שוועל באוויזן, טויט און טויטקײַט האָט פון זײַן
פּאָנעם און זײַן אויסזען ארויפגעקוקט, מעס און איבערגעקומענס
האָט זיך פון זײַן קערפּער און זײַנע קליידער געטראָגן, האָט ער
מיר א ווונק געטון, צו דער שוועל מיך צוגערופן און שטיל און
אין כורווע ארײַן מיט א פינגער אָנגעוויזן:

— דער זאָקן איז טויט.

און אומגעקערט האָט ער זיך צו מיר מיט די פּלייצעס זײַנע
שטילע, אײַנגעבויגן און ווי אף טהארע אין כורווע ארײַנגעגאן,
און שטיל און מיט ווונק מיר אים נאָכגיין געהייסן. בין איך
ארײַנגעגאן און דערזעען: גלײַך און אויסגעצויגן איז שוין דער
זאָקן אף דער ערד געלעגן, מיט ווײַס און איבערגעדעקט און
שוין אָפּגעהויבן דער קערפּער, צוקאָפּנס בא אים זײַנען לײַכטער
געשטאנען און מיט טויט און מיט טאָג, מיט ליכט און מיט שטיל־
שווײַגן האָבן די ליכט דאָרט געברענט. און שטיין געבליבן איז
דער אלטער אף א זײַט נעבן מעס, נעבן זאָקן, מיר אף דער
צווייטער זײַט אָנגעוויזן, אליין צו מעס און צוקאָפּנס אים געקוקט,
געקוקט און לאנג אזוי, געשוויגן און לענגער נאָך, דערנאָך זיך
צו מיר געקערעוועט און מיר אזוי געזאָגט:

— גייער, זע: דו גייסט אצינד אף וועלט אוועק, פונדאנען
הײַנט פון שוועל אראָפּ. דו טרעטסט אריבער — אף איר, אף מיר
און איבער זאָקן... נאָר זע און ווייס: ס'איז נאָר דײַן זון, פון
גליק דײַן טאָג, גייט אוף און שײַנט אף הימלען דײַנע, און



אופגיין וועט און וועט ערשט אופגיין — און אונדזער זון פאר־
גאנגען... געוועז א צײַט איז ער געגאן, געוועז א צײַט בין איך
געגאן, אצינדערט שוין פאר אונדז צו רוען — פאר ייִנגערע צו
טוען... אצינדערט גיי, נאָר היט זיך פארן יעגער...

אָפּגעזאָגט, און אָפּגעקערעוועט האָט זיך דער אלטער פון מעס
פון קוקן, ער אף פריִער און איך נאָך אים. זײַנען מיר פון כורווע
ארויסגעגאן, איבער שוועל אריבערגעטראָטן און שטיין געבליבן.
און אָנגענומען האָט דער אלטער דאן די האנט בא מיר אין
שטילן, לאנג און מער נישט ניט גערעדט, זי אין זײַנער גע־
האלטן, דערנאָך מיך צו זיך צוגעבויגן, מיך אין קאָפּ א קוש
געטון און מיך אָפּגעזעגנט:

— גיי.

און איך בין אוועקגעגאן.

---

און פון יענעם טאָג איז שוין א צײַט געהאט אוועקגעגאן און
איך בין נאָך אלץ אין וואלד געגאנגען, פון אָרט צו אָרט, פון
וואלד אין ווײַטערן, קיין טעג און וואָכן נישט געציילט, כעשבן
פון כאדאָשים פארלוירן, וואלד־אויס און וואלד־אײַן, אלץ מער
און מער, און צו וואלד נאָך קיין עק, און צו פרײַען קיין אויס־
גאנג, ביז איך האָב זיך איינמאָל אין וואלד אין א געדיכטעניש
געטראָפן.

ס'איז א פארנאכט געוועזן. געדיכט און פינצטערלעך זײַנען די
ביימער דאן גלײַך און נישט גערירט בא די זײַטן וועגן גע־
שטאנען, שטיל און פארנאכט האָבן די שטאמען־ביימער פון
שטילקײַט ארויסגעקוקט, און קיין ווינטל האָט געבלאָזן, קיין גראָז
זיך נישט געשאָקלט, קיין צווײַג און צווײַגעלע האָט אין לופט
זיך נישט געהוידעט. בין איך מיר דאן בארוט און פּאמעלעך אף
א סטעזשקע געגאנגען, און אין וואלד און אין זײַטן־וואלד פון
דער סטעזשקע ארײַנגעקוקט. שטיל איז דאָרט געוועזן. זון, און
שוואכע זון, האָט שוין אף די ביימער און אף ערד געצאנקען,
ליכט און פלעקן ליכטיקע האָבן זיך פון שטאמען און פון גראָזן
געלאָשן, און שטיל און ווי מיט גוטן, פּאמעלעך און אָפּגעטרעטן,

אײנײנעם מיט טאָג פֿון װאַלד זיך גערוקט, אַרױסגערוקט, פֿאַרגאַן און אױסגעגאַן.

און דערזען האָב איך פֿון דעם װאַלד פֿונװײַטנס, װי דער יעגער איז מיט זײַן הונט ערגעץ פֿון טיפֿן־טיפֿן דאָרט אַרױס־געגאַן, זיך אַרױסבאַװיזן, פֿון װײַט און פֿון דאָרט מיר אַקעגן און פֿאָרױס אױף מײַן סטעזשקע געקומען און מיך װאַרטן גענומען. צוגעגאַן און אױסגעגלײַכט האָב איך זיך דאַן מיט יעגער, פֿאַר אים זיך אָפּגעשטעלט, גלײַך און אים אַקעגן און שטײן געבליבן, און רויִק און װי צו מײַן גלײַכן זיך צו אים געקערעװעט:

— און װאָס געװאָלט האָסטו, יעגער?

— מיט דיר זיך באַקענען.

— נו?

— נאָר פֿאַר פֿריִער עפּעס זאָגן.

— און װאָס אַזױנס?

— דער יעגער איז קײן סױנע.

— װער זאָגט דען?

— אַלע זאָגן.

— און יעגער אַלײן?

— לײקנט, ער זאָגט: מע פֿאַרשטײט ניט.

— אַז װאָס?

— אַז שרעקן הײסט — װעקן, אַז נעצן — פֿאַר קלײנע, דער יעגער ליבט אײנע. פֿאַרפֿירן — פֿירט שװאַכע; ער זאָגט: דאָס רײַכטום — פֿאַר רײַכע, און קלײנע זיך דרײען אומזיסט פֿאַר די אױגן.

— און װײַטער?

— און דו פֿון די אײנע.

— כאַנפֿעסט, יעגער.

— נײן, ס׳איז עמעס.

— װעהאָראַיע?

— װעל דיר אַ רעטעניש פֿאַרגעבן.

— הער איך.

און דער יעגער האָט אָנגעהױבן:

— איז יעגער געגאַנגען אַ כאַיע צו פֿאַנגען, װי טאָמיד ער גײט זיך מיט הונט און פֿאַרדרײט זיך, אין װאַלד צװישן װעלדער.



האָט פּלוצים געטראָפֿן, דעם װעג דורכגעלאָפֿן אַ אײנד איז אַ פֿרומע, מיט אױגן מיט שטומע, און קאָשער דערשראָקן, און האָט זיך פֿאַרהאַלטן. און שטײן איז געבליבן מיט הערשעלעך זיבן, מיט קינדערלעך קלײנע, מיט פּיצעלעך שײנע און אַ פֿרעג האָט געגעבן: „יעגער, װאָס קלױבסטו, יעגער, װאָס רױבסטו, די מאַמע פֿון קינדער, צי קינדער פֿון מוטער?... — די מאַמע אױף שפּעטער — זאָל לעבן, זיך מערן פֿאַר װעלף און פֿאַר בערן, פֿאַר כאַיעס אין װעלדער, אױף קװאַלן אין פֿעלדער, אױף באַרג און בײַ ברונען, אױף יאַגד צו געפֿינען די הערשעלעך דײַנע — דו, מאַמע, ביסט מײַנע לעסאָף דאָך מעמײלע... אַזױ ידאַן דער אײנד האָט געענטפֿערט דער יעגער. װאָס איז דאָס?

— ס׳אַ מײן.

— װאָס מײן איך?

— אַ הערשעלע.

— װאָס הײסט עס?

— אַ געגאַר נאָך געגאַר, אַ קלײניקײַט נאָך קלײניקײַט, פּאַ־מעלעך און באַריסן, אַזױ, און באַנומען, און דערװײַל זאָל זיך פּאַשען....

— פֿאַר װעמען?

— פֿאַר דיר.

— ביז װאַנען?

— ביז מײַן עלטער — דײַן געלעכטער.

— געטראָפֿן! װײַל דו פֿון די אײנע.

— ס׳אַ כאַניפֿע־הערשעלע, איך גיב נישט.

— נײן, איך זאָג נאָר.

—ס׳אומזיסט, יעגער.

האָט זיך דער הונט מיטאַמאָל פֿון יעגערס האַנט אַ ריס געטון, בײז און מיט ביל מיט דער שנור אין דער זײַט זיך אַ נעם געטון, דעם יעגער פֿאַר דער שנור געצױגן און אים אָפּגעצױגן. און נאָכגעגאַן און זיך נאָכגעשלעפּט האָט דער יעגער נאָך זײַן הונט זיך אױף שנירל, װי נישט װילנדיק נאָך אים אין װאַלד נאָכגעגאַן, די גאַנצע צײַט און אַלע װײַלע צו מיר און צו מײַן זײַט זיך נאָך אױסגעדרײט, עפּעס זאָגן אײן צוגעבן געװאָלט, —

אזוי געוואָלט און געצויגן, געצויגן און ווײַטער אלץ, ביז ער איז לעסאָף אין וואלד און אין א זײַט פון וואלד מיר פון די אויגן פארשוווּנדן.

צום צווייטן מאָל האָב זיך מיט יעגער אזוי געטראָפן:

ס'איז געווען נאָכדעם, ווי איך בין לעסאָף פון וואלד ארויסגעגאַן, לאנג און צײַטן־לאנג אף פוסטע פעלדער און פוסטע סטעפּן געבלאָנדזעט, איינער אליין, אָן א פירער און אָן א וועגווײַזער, אומגעגאַן און געבלאָנקעט, געבלאָנקעט און אומגעגאַן — בין איך מיר אמאָל אין א באנאכט אין א פרײַען פעלד אָנגעקומען. הויך און אויסגעשטערנט איז דער הימל דאן אין זײַן מיטן געלעגן, ווײַט און פארוקט האָט ער זיך מיט די עקן איבער פעלד אראָפּגעלאָזט, שטיל און שפּעט זיך דאָרט מיט די האָריזאָנטן פארנומען, און אף נאכט און גאנצע נאכט מיט זײַנס און זייערן. שטיל און איינער אליין בין איך דאן אונטער א בוים געלעגן, שטיל אף הימל און אף שטערן דורך די צווײַגן געקוקט, אף פעלד און אף ווײַטקײַט ארוף, און פון ערד און פון ווײַטער ערד אף עמעצנס קומען און געוויסן־קומען געווארט. אין דעם, ווי איך בין מיר אזוי אף דער ערד און פארטראכט געלעגן, אזוי האָב דערפילט, ווי שטיל און פּאמעלעך האָט זיך די ערד אונטער מײַן צוקאָפּנס רירן גענומען. אָפּגערוט און א פּאָר מינוט, — און אויסגעווארט האָט מען מיר הינטן אין מײַן ליגן דאָרט א ווײַלע, ביז מײַן כשאד וועט איבערגיין, און ווײַטער אָנגעהויבן: גראָבן און אונטערגראָבן, רירן און אופרירן... האָב איך זיך שוין דאַמאָלס אף מײַן געלעגער אופגעזעצט, די טאָרבע פון מײַן צוקאָפּנס צוגענומען, אף איר אָרט דאָרט געקוקט, געקוקט און דאָס אָרט באטראכט, און לעסאָף, און גאָרנישט דאָרט באַמערקנדיק, האָב איך זי צוריק אפן זעלבן אָרט אוועקגעלייגט, זיך צו איר צוגעבויגן און ווײַטער, און ווי פריִער דעם קאָפּ אף איר אָנשפּארן געוואָלט. און פּלוצים... ווי נאָר כ'האָב דעם קאָפּ צו דער טאָרבע צוגערירט, אזוי האָט פּלוצים און מיטאמאָל די ערד זיך דאָרט א וואָרף געטון, א הייב און א צעשאָט געטון, און פון נאכטיקן און פון דאָרטיקן איז רירעוודיק און קליין עפּעס א בריִעלע



ארויס... אופגעשפּרונגען און אופגעכאפּט האָב זיך מיטן ערדוואָרף אינײַנעם און דערזעען: —

פלינק און ערדיש, פּיצל און באנומען איז דאָס בריִעלע גיך און, קאם מיטן אויג צו זען, ארום גריבל דאָרט געלאָפן, געלאָפן און געיאָגט זיך, ארום און ארום, א רעדל און א רעדל, זיך אַ שטעל געטון און צוריק אוועק, אזוי און נישט אָפּגערוט. און די גאנצע צײַט פון לופט און פרײַער לופט אין איין ניסן געהאלטן. אָפּגענאָסן און בארויִקט, האָט דאָס בריִעלע לעסאָף באם עק פון גריבל אף די הינטערפיסלעך זיך אנידערגעזעצט און שטיל און, ווי גאָרנישט ניט געווען, רויִק און טאמעוואטע מיט א פאָדערשט מאלפּע־הענטל אין נאָז און אין נעזלעכער צו קאָלוּפּען גענומען: — פּאמעלעך און רויִק, לאנג און מיט הארכאָווע און אזוי, און קאלופּענדיק, די גאנצע צײַט מאלפּיש און ביטמימעס מיר אין די אויגן געקוקט.

— ווער ביסטו, בריִעלע?

— דאָס פארזעעניש.

— וואָס דארפסטו דאָ?

— מען האָט מיך געשיקט אהער.

— ווער?

— דער אלטער.

— וואָס אזוינס?

— ער האָט מוירע.

— פאר וועמען?

— פארן בלינדן בעטלער.

— ווּ איז ער?

האָט דאָס פארזעעניש דאָס הענטל פון דעם נעזל צוגענומען און רויִק און מיט צײַט, גלײַך און אויסגעצויגן מיט דעם אף מיר און אף הינטער מיר אָנגעוויזן: אָט שטייט ער. און, איידער כ'האָב זיך נאָך גערירט דעם קאָפּ אף צוריק און אף ארונטער אויסדרייען, אזוי איז שוין הינטער מיר, נאָענט און בא דער האנט בא מיר, מיט מײַן פּאָנעם און מיט מײַן אקסל גלײַך, א הויכער, אויסגעצויגענער און בלינדער בעטלער געשטאנען און מיט „גוטן אָוונט” מיך געבענטשט: „גוטן אָוונט, גייער”.

דערשראָקן און א רוק געטון האָב זיך פון נאָענטקייט פון בעטלער, זיין פּאָנעם און זיין בלינדזעעניש דערזעען, און פאַרוווּנדערט און נישט געענטפערט אף אים די אויגן אָנגעשטעלט...

האָט מיך דאָס פארזעעניש ביגנייווע און אונטן־ארומער פאַרן קלייד דאן אָנגערירט, א צי געטון, אף גיך, און געוואָרנט, מיר מיט א פינגער אפן מויל אָנגעוויזן, אָנגעוויזן און מיך שטיל געוואָרנט:

— פון מיר נישט קיין וואָרט!

און נאָכאמאָל האָט זיך דער בעטלער צו מיר געקערעוועט און שוין העכער געזאָגט: „גוטן אָוונט, גייער".

— גוט יאָר, בעטלער.

— זעץ זיך, און דערלויב זיך־זעצן, גייער.

— כ'דערלויב, בעטלער.

און דער בעטלער האָט די טאָרבע פון איבער זיינע אקסל אראָפּגענומען, פּאמעלעך און בלינד מיט איר זיך איבער דער ערד אָנגעבויגן, פאר איר אן אָרט געפונען, זי אנידערגעלייגט, ווי מיד און קרעכצנדיק זיך נעבן איר אראָפּגעלאָזט, און איך אים אקעגן. א פּאָר מינוט געשוויגן, — און געקערעוועט האָט זיך דערנאָך צו מיר דער בעטלער און מיך א פרעג געגעבן.

— כ'האָב געהערט, דו האָסט זיך צום בארג געלאָזט?

— יאָ, — האָב איך אים געענטפערט.

— האָסטו שוין עמעצן אין וועג באגעגנט?

— יאָ, דעם אלטן.

— האָט ער דיר שוין דערציילט פון בארג?

— גאָרנישט.

— און אד האיאָם ווייסט נאָך נישט?

— אז וואָס?

— אז פון בארג איז שוין קיין זייכער; אז ווינטן האָבן אים צעטראָגן, שטורעם־ווינטן האָבן זיין שטויב צעבלאָזן און צייטן און דוירעס האָבן אים מיט דער ערד אויסגעגלייכט.

— ניין, איך ווייס נישט.

— דארפסטו די בעטלער־מייסע הערן.

— הער איך.



און דער בעטלער האָט אָנגעהויבן:

— בעטלערס דערציילן: א מייסע מיט איינעם, וואָס האָט גרויסע אויגן געהאט. אליין אף דער ערד געבוירן, האָט טאָמיד דעם קאָפּ צום הימל פאריסן, פאר דער נאָז נישט גזועען, האָט באשטענדיק די אויגן צו די בערג געהויבן. האָט מען אים אמאָל פון יענעם בארג דערציילט, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט. געגאנגען און געגאנגען, זיין יוגנט פארגאנגען, די קייכעס אויסגעגאנגען, און אָט האָט ער אים איינמאָל שוין בא א האָריזאָנט דערזעען. האָט זיך פלוצים א ווינט אופגעהויבן, מיטאמאָל א שטורעמווינט פון בארג פון דאָרטן. האָבן זיך אף צוויי שטויבעלעך צוויי שיידימלעך געטראָגן, זיינען זיי געפלויגן און געפלויגן און דעם גייער אין זיין גאנג באגעגנט, זיינען זיי אים אין די אויגן אריין און אין די אויגן־מענטשעלעך זיך באזעצט.

— איז וואָס געווען?

— איז ער בלינד געוואָרן.

— נו?

— זינגען עס אף אלע מערק די בעטלערס בלינדע און די זעענדיקע וואָרענען.

— און די זעענדיקע?

— הערן און גייען ווייטער.

— גוט אזוי, ווייל די בעטלערס ליגנערן: אָרעם זיינען בעטלערס און בלינד פון געבוירן.

— נישט עמעס.

— און וואָס ווייטער?

— וויל דיר עפּעס פאָרלייגן.

— וואָס אזוינס?

— מיר א פירער זיין און מיך אף די מארקן פירן.

— כ'גיי נישט, בעטלער, מיין אלטער איז באגלויבטער.

אָפּגעשטעלט האָט זיך אף די ווערטער מיינע דער בעטלער, אנשוויגן געוואָרן, געווארט און געווארט און לעסאָף ארויסגעזאָגט:

— דיין אלטער איז א מעכאשעף.

— און אז איך גלויב נישט?

— גיי איך פון דאָרט.

— איז וואָס געווען?

— האָב איך געזען: איז דער זאָקן נאָך אף דער ערד געלעגן, זײַנען ליכט אים בײַ זײַן צוקאָפּנס געשטאַנען, און דײַן אַלטער אים איבערן קערפּער שטייט און שפּרעכט, ער זאָגט: „קומסט בײַ מיר צו קווורע נישט, ליגסט בײַ מיר אין בושע דאָ, ביז פאַרזאָרגסט נישט יונגנמאַן, ביז פאַרטראַכטסט נישט אים פון וועלט, און ער קומט אַן אַלטער שוין, קומט שוין אַ צעבראָכענער... זאָל ער אויסגיין וועג און שטעג, צײַט און צײַטן וואַנדערן, ווי דו האָסט פאַרפירט מײַן וועלט, זאָל ער אויך פאַרפירט ווערן, ווײַטער, ווײַטער ליגנערן, זאָל אויך שיקן אַנדערע און אף אייביק־אייביקייט לעבן זאָל דער שיידים־באַרג“.

— אָט איז דײַן אַלטער.

— נו?

— באַטראַכט־זשע זיך, גייער.

— שוין באַטראַכט, בעטלער.

— און וואָס באַשלאָסן?

— כ׳גיי מיט דיר!... און אופגעכאַפּט האָב זיך מיטאַמאָל פון מײַן אָרט יענעם דעמאָלט, אף גיך מײַן טאָרבע אַ נעם געטון צום בעטלער זיך אַ בויג געטון און אף אופהייבן אים אַ האַנט געגעבן: קום!... נאָר אין דעם, ווי נאָר דער בעטלער האָט מיר די האַנט אויסגעשטרעקט און פון אָרט שוין אופהייבן זיך געוואָלט, אַזוי איז פּלוצים, מיטאַמאָל און אומגעריכט דאָס פאַרגעסענע פאַרזעעניש פון זײַן לאַנגן זיצן און שווײַגן אופגעשפּרונגען, אַ פּלי געטון, גיך און געשיקט צום בעטלער צו, אף זײַנע קני און צום פּאָנעם אים אַרוף. מיט איין הענטל פאַר באָרד אים אָנגעכאַפּט, מיטן צווייטן איבער די אויגן אַ זעץ געטון, און — זעצן אָנגעהויבן: איינס און צוויי און גיך און גיכער, און די גאַנצע צײַט אין איין קאָל, אין איין שרײַען און אין איין שפּײַען געהאַלטן: טפו, טפו, באַווײַז זיך, בעטלער, טפו, טפו, ס׳איז פאַרבלענדזעניש... האָט זיך טייקעף און מיטאַמאָל פון אונטערן געזעס פון בעטלער, פון אונטער אים און פון טאָרבע דאָרט אַ הונט אַ ריס געטון, און מיט אימפּעט און מיט שרעק, מיט גוואַלט און ביל אף דעם שנור און צום פעלד זיך אַוועקגעלאָזט. און



אופגעשפּרונגען און נאָך אים איז דער יעגער דאַן, נאָכן הונט זײַנעם טייקעף נישט געקוקט און פלינק זיך צום פעלד געקערט, און מיט בושע, אָן אויגן, און פײַל־אויס־בויגן טיוק און טיוק נאָך זײַן הונט אַוועק.

---

און צום דריטן מאָל האָב זיך מיטן יעגער באַגעגנט.

אין אַ צײַט אַרום בין איך אַמאָל אין אַ באַטאָג אַ זומערדיקן צו אַ טײַך צוגעקומען. ליכטיק און זומערדיק האָבן זיך אין דעם באַטאָג די גרין־באַוואַקסענע ברעגן אין טײַך אָפּגעשפּיגלט, רויִק און שווײַגנדיק האָבן די ביימער פון די זײַטן אין וואַסער אַרײַנגעקוקט און גרין און אויסגעוואַשן מיט די שפּיצן און פאַרקערט אין הימל־טײַך געשטאַנען. שטיל איז אין דעם באַטאָג דאָרט געווען. ברייט און אָפן איז דער טײַך צווישן די ברייט־צענומענע ברעגן געלעגן, שײַנענדיק און אַוועקגעגאַן האָבן זיך די כוואַליעס אין זון און אין גאָלד דאָרט געקאַטשעט, און הויך און קלאָר, זומערדיק און בלוי האָט זיך דער הויכער הימל אין טיפן וואַסער אָפּגעשפּיגלט. בין איך מיר דעמאָלט אַזוי צום טײַך אָנגעקומען, בײַ אַ ברעג זיך אָפּגעשטעלט, אַ ווײַלע אף טײַך און אף וואַסער געקוקט, דערנאָך זיך אַ קלייד אויסגעשפּרייט, זיך אַראָפּגעלאָזט און מיט דער דייע אף טאָג און שוין ביז פאַרנאַכט דאָרט אַף אָפּרוען צו בלײַבן.

און אָט, ווי איך בין מיר דאַן אַזוי אף דעם ברעג געלעגן, אַזוי האָב דערזען, ווי פון ווײַט, פון ווײַט, בײַם וואַסער און בײַ ביידע ברעגן זײַנען געזעצט און געלאָזן, באַרוט און ווי זייער שטייגער, צוויי בושלען אַרויסגעגאַנגען. פאַמעלעך די ווײַסע גופים אף די לאַנגע פיס געטראָגן, די קעפּ און די העלדזער אף די רוקנס פאַרוואָרפן — האָבן זיי זיך אַזוי געשפּאַנט, דער פון דער זײַט און יענער פון דער צווייטער, אַמאָל זיך פאַרהאַלטן, די שנאָבלען אין וואַסער אַרײַנגעלאָזט, אַרײַנגעלאָזט — אַרויסגענומען, אָפּגעגאַן און ווײַטער שפּאַן נאָך שפּאַן פון דאָרטן צו מיר און צו מײַן אָרט זיך דערנעענטערט.

און אונטערגעגאַן זײַנען צו מיר נאָך לאַנגן גיין און שפּאַנען די בושלען, זיך נעבן מײַן אָרט פאַרהאַלטן, ווי אָפּגערעדט און

באשלאָסן איינס אקעגן אנדערן איבער טײַך מיט די פּעניִמער זיך געשטעלט און שטיין געבּליבן. געקוקט און לאנג געשוויגן האָבּן אזוי איינס קעגן אנדערן די בּושלען, געשוויגן און זיך געווארט, און דערנאָך — און געקערעוועט האָט זיך דער בּושל פון מײַן זײַט צום איבּער־טײַך־שטייענדיקן און בּא אים אזוי געפרעגט:

— האָסטו נישט געזען, בּושל, דעם גייער אין פלִיען?

— געזען, — האָט אים יענער געענטפערט, — וואָס איז דען?

— מע זאָגט, ער האָט זיך צום בּארג געלאָזט.

— ס'איז נארישקײַט און כויזעק.

— פארוואָס איז?

— ווײַל פויגל אין הימלען האָבּן זיך פון אים מעיאעש געווען, האָבּן זיך שראָצים און קליינוואָרג קריכן גענומען?

— ס'איז דאָך אָבּער נישט קיין שראָצים, בּושל.

— א קלייניקײַט?!... אָדלערס און אונדזערע זײַנען איבּער יאמים און מידבּאָרים געפלויגן, וויסטעניַי און לענדער אויס־געזען און נישט געפונען, און זיי וועלן געפינען?

— פארוואָס נישט?

— ווײַל דער בּארג איז נישט געשטויגן, דער בּארג איז אויס־געטראכט.

— וואָס רעדסטו, בּושל?

— דאָס, וואָס דו הערסט. ס'איז אַן עמעס און אַן אלטע מײַסע.

— דערצייל, כ'בּעט דיך.

— אָט הער, בּושלען דערציילן: ס'איז געווען, ווען אונדזער בּאבּע די בּושליכע האָט אמאָל אין דער יוגנט נאָך, אין א בּאנאכט אין הארבּסט־צײַט, אין די ווארעמע לענדער פלִיענדיק, איבּער יאם און אין שטורעם, אונדזער זיידן, איר בּושל, פארלוירן, — האָט זי זיך איינמאָל, אין א לאנד דאָרט אָנקומענדיק, אין א שיי־נעם טאָג א דאָרטיקן, אין אָן אָרט זיך געטראָפן. עלנט און אָן נעסט, אָן א פּאָר און אָן א שיצער, — האָט זי זיך דאן הויך אין דער לופט ארומגעדרייט, א ראָד נאָך א ראָד געמאכט, ארום און ארום געפלויגן, מיד און אויסגעמאטערט דעם האלדז און די פיס אויסגעצויגן, אראָפּ געקוקט און די גאנצע צײַט אין איין שרײַען און אין איין רופן געהאלטן „וורא־וורא, וורא וורא: כ'בּין יונג

3rd embedded tale



widowed stork cries out for a mate but hates the one who volunteers

אן אלמאָנע געבּליבּן, כ'האָבּ מײַן ליבּן אין שטורעם פארלוירן, זאָל דער ערשטער און דער בּעסטער קומען און פאר בּיידע אונדז א נעסט מאכן"... האָט איר קאָל פון ערגעץ א בּושל דערהערט, איז ער אף איר רופן צו פלִיען געקומען און זיך צו איר צו־געשלאָגן. און ער האָט זי ליבּ בּאקומען. ווײַל יונג און שיין איז אונדזער בּאבּע, די בּושליכע, געווען, זויבּער און קלאָר האָט זי איר ליבּן קערפּער געהאלטן, שטיל און שוויַיגנדיק איר פריִערדיקן געליבּטן געדענקט און שטאָלץ און מאלכעסדיק אין איר אלמאָנע־שאפט געפלויגן... און זי האָט אים פײַנט געהאט — פלעג זי אף טעג און גאנצע טעג פון איר נעסט זיך אָפּטיילן, ווײַט און איינע אליין פלעג אזוי אף די ווײַטע פעלדער פארפאלן ווערן, זיך ארומדרייען, שאָען און שטילע שאָען אין שטילקײַט דאָרט, און אומעטיק און פרעמד פארנאכט זיך צוריק און צו נעסט זיך אומ־קערן. און אין א צײַט ארום, נאָכדעם, אז דער בּושל האָט דאָס צוגעזען און צאר געהאט, זי ליבּ געהאט און געליטן און לעסאָף בּא איר ליבּע געבּעטן, — האָט אים דאן די בּושליכע אזוי געזאָגט: —

— „וואָס מ'האָט ניט, שענקט מען נישט, וואָס כ'פארמאָג ניט, מאָן דו נישט — ליבּן קאָן דיך ניט. ווילסטו דאָך געליבּט צו זײַן, — איז פאראנען נאָר איין אָרט, איז פאראן א הויכער בּארג, שטיין שטייט ער אף עק־וועלט, פלִיען פליט מען יאָרן לאנג — קומסטו, בּרענגסטו פון זײַן גראָז, איך פארזוך עס נאָר איין מאָל, בּאלד פארגעס איך וואָס געווען און דיך ליבּן קען איך שוין"...

sent him on a futile search... to the mt.

אויסגעהערט האָט דאָס דער בּושל, געטראכט און איבּער־געטראכט, א טאָג און צוויי, און לעסאָף זיך אוועקגעלאָזט. און געזען האָט אים שוין ניט די בּושליכע איר לעבּן־לאנג, און דאָס האָט זי געוואָלט: איינע אליין אין נעסט דאָרט בּלײַבּן און אומ־געשטערט אין די פרימאָרגנס און אין פארנאכטן פון איר געליבּטן טראכטן. אָט דאָס איז די מײַסע.

— און דו גלויבּסט אין דעם?

— וואָס איז דען?

— איך האָבּ דאָך אנדערש געהערט.

— אז וואָס?

— אז פאראן איז דער בארג, אז ווײַט איז דער בארג, און גרויס איז די זכיָע, און געציילטע דערגייען...

— שטילער, בושל.

— וואָס איז דען?

— דער גייער ליגט דאָ. — און דאָ האָט דער בושל פון צווייטן ברעג אַף מײַן אָרט מיטן האלדז אָנגעוויזן און דעם מײַניקן מיט א וווּנק געבעטן — שטילער.

— און פארוואָס האָסטו אין דער הייך דערציילט?

— ער זאָל הערן.

— נאָך וואָס?

— דאָס האָט מיך דער יעגער געבעטן.

— נישט גוט, בושל.

— פארוואָס?

— ווײַל...

...כ'האָב געהערט!... האָב איך פון מײַן אָרט אופשפרינגענדיק מיטאמאָל און אף גיך פאר מײַן בושל אויסגעשריגן. און אין דער רעגע האָט זיך פלוצים, און נישט געזעען פונוואנען א טראַך דערהערט, און א שאָס און א קויל האָט דעם בושל פון דער צווייטער זײַט אפן אָרט געטראָפן... האָט דער בושל פון מײַן זײַט מיט די פליגל א מאך געטון, דערשראָקן און אף גיך אין דער לופט זיך אופגעהויבן און צאפלענדיק, זיך ווארפנדיק. און שוין אף טויט דערשלאָגן דעם צווייטן אפן ברעג געלאָזן.

hunter kills the stork

און אופגעהויבן האָב איך מײַן קלייד פון ברעג באלד דעמאָלט, אף גיך און דאָס אויסגעפראָשעט, דאָס אָנגעטון, דעם שטעקן אין האנט און די טאָרבע אף פלייצעס גענומען, און באַרויִקט און פרײַ, פון יעגער און פרווו פון יעגער, באַלד נאָך אין דעם באטאָג זיך אין וועג אוועקגעלאָזט.

---

און לאנג בין איך נאָכדעם אף וועלט געגאנגען. איינער אליין, אַף סטעפּן און אף פּוסטקײַטן, קיינמאָל קיינעם אַף מײַן וועג נישט באגעגנט, די גאנצע צײַט קיין יישעוו און קיין סימען יישעוו נישט געטראָפן, אַף קיין גייער און קיין דורכגייער זיך



נישט אָנגעשלאָגן, נאָר אין די נעכט און אין פינצטער, אין פארטאָגן און אין וויסטעניש האָב אַף ערדן און אונטער הימלען געשפּאַנט און אַלץ געגאַנגען און געגאנגען.

און יאָרן זײַנען פאַרגאנגען. ווײַט און פארלאָזן פלעגן פאַר מיר די סטעפּן אין די באנאַכטן ליגן, אומעטיקע און עלנטע פלעגן זיך אף זיי די אלטע און טויבע וועגן ציִען, טרויעריק און פארטראכט פלעגן זיך די הימלען מיט די ערדן ערגעץ צונויפגייִן, און ארום איז קיין בריִע, אַף מײַלן קיין שטיבל, קיין ליכט און קיין יישעוול, קיין לעבן און קיין קוילעס...

ביז איינמאָל: בין איך אמאָל אין א באַנאכט אזעלכן אין אזא מין סטעפּ געגאַנגען; איינער אַליין, אַף וועג, וואָס איז פּוסט, אַף שליאַך, וואָס פאַרגעסן — פון פור און פון גלאָק, פון פערד און פון פּאָרער, געגאַנגען און פאַרטראַכט, שוין אַף גאָרנישט ניט געהאָפט, אף קיינעם נישט געווארט, פאַרלאָזן און אכער ייִעש.. פלוצים, און דערזעען האָב איך, ווי ווײַט־ווײַט, אין אַ זײַט פון וועג, אף דעם סטעפּ און אף דער נידער דאָרט, האָט זיך עפּעס. א שײַן באַוויזן: אַ רויטע שײַן, אַ שוואַכע שײַן, ווי פון דער טיף, פון אַ גרוב אַרויסגעגאן, איז מיט רויטלעכע און פאַרנעפּלטע פּאַסן ליכטיקײַט, ווי איבער אַ טיפקײַט דאָרט געשטאַנען... בין איך געגאַנגען און געגאַנגען, ביז איך בין צו יענעם אָרט צו אַ הייל דאָרט צוגעקומען. און דערזעען האָב איך, ווי שטיל און געשלאָפן, אײַנגעניאָרעט און פון אויבער־קלייד דאָס פּאָנעם נישט אַרויסגעזעען איז אַ נאַכט־וועכטער באַ דער ראַנד פון הייל אַף אַ שטיין געזעסן, דעם שטעקן אין האַנט און קאָפּ אַף שטעקן אָנגעשפּאַרט, און אזוי און אײַנגעבויגן איז מיט קערפּער און שטילקײַט זײַנער אין שײַן און אין שוואַכער שײַן באַלויכטן געווען. אָפּגעשטעלט און אָנגעקוקט האָב אַזוי דעם וועכטער און זײַן שלאָפן, א ווײַלע און צוויי, דערנאָך צו אים צוגעגאַן, א האַנט אים אפן אקסל אַרופגעלייגט און אים וועקן גענומען:

— וועכטער, האַ, וועכטער...

— האַ, וואָס איז?

און אופגעשפּרונגען איז דער וועכטער מיטאַמאָל, פון שלאָף זיך דערוואַכנדיק, פין שטיין און פון זיצן אַראָפּ, פאַרשעמט.

ווי די אויגן אַראָפּגעהאַלטן, און ווי שולדיק און זינדיק די גאַנצע צײַט צו זיך אַליין גערעדט און זיך אויסגעוואָרפן.

— שלעפּעריק, פאַרשלאָפן... טאַקע שיר ניט פאַרשלאָפן.

— וואָס פאַרשלאָפן?

— דו און דײַן אָנקומען.

— וואָס הייסט?

— מ׳וואַרט אַף דיר, מ׳האָט געהייסן וואַרטן.

— ווער?

— באַלד וועסטו זען.

און אָט אַף די רייד האָט זיך דער וועכטער צו דער הייל אויסגעקערעוועט, איבער איר זיך אײַנגעבויגן, מיט די הענט אַף די ראַנדן זיך אָנגעשפּאַרט, מיט קערפּער זיך אין הייל אַראָפּגעלאָזט, אַרײַן — און, מיט קאָפּ נאָך איבער מויל פון איר שטעקנדיק, מיך אַ רוף געטון — אַ זאָג געטון: גייער. און איך האָב אים נאָכגעטון, און אָט, ווי מיר האָבן אַזוי נאָר אייניקע טריט דאָרט טיפער אין פּאָדער־הייל געמאַכט, אַזוי זײַנען מיר ביידע דער וועכטער פריִער און איך נאָך אים, אַף אַ שוועל פון אַ גרויסן און ליכטיקן כיידער שטיין געבליבן און דערזעען:

אַרום אַ טיש, וואָס איז אין גרויסן און אין מיטן כיידער געשטאַנען, איז אַ שטילע נאַכטישע און פאַרהוילענע איידע אין שוואַרצן און אין לאַנגן אָנגעטאָן געזעסן, וואַרטנדיק און אַרויסקוקנדיק האָט אַפן טיש איינע אַ ליכט נאָר געברענט און רויִק און שטיל־שווײַגנדיק זייערע יונגע פּענימער מיט די שוואַרץ־באַברוימטע בערד באַלויכטן. געוואַרט האָט אַף אונדז די איידע, אַלע פּענימער זײַנען צו דער טיר געווען געקערעוועט, קאָפּ באַ קאָפּ און קערפּער באַ קערפּער, און אַלע אויגן האָבן זיך צו אונדז געווענדעט. האָט זיך פון שפּיץ פון טיש, פונעם אויבנאָן, אַ גרײַזער און פון אַלע אויסגענומענער אַלטער אופגעהויבן, אף מיר און אַף מײַן אַרײַנגיין, איבער ליכט און צו דער טיר־צו געקוקט און מיט רעשוס און פאַר אַלע, און בירשוס און אין נאָמען פון אַלע צו מיר אַזוי געזאָגט: —

— קום אַהער, גייער, דאָס האָבן מיר אַף דיר געוואַרט.



אָפּגעטראָטן און אָרט געמאַכט האָט מיר דער וועכטער, און צו שטוב און צו טיש מיר דאָס אָרט פרײַ געלאָזן, און איך בין צוגעגאַן. אַ פּאָר מינוט אַזוי פאַרן אַלטן געשטאַנען, האָט ער אַף מיר געקוקט, לאַנג און מיך און מײַן אויסזעען באַטראַכט, דערנאָך זיך צו מיר געקערעוועט און מיר אַזוי געזאָגט:

— גייער, מיר האָבן געהערט, ס׳איז צו אונדז דערגאַן: דו האָסט זיך צום באַרג געלאָזט, צום אַלטן באַרג, אַף גרענעצשטייט, פון אונדזער זײַן און סאָד פון זײַן... זײַנען מיר, די איידע דאָ, צונויפגעקומען אַלע איצט, פון גאָר דער וועלט, פון וועג און שליאַך. פון אַלע עקן אויסגעגאַן, מ׳הערט דײַן נאָמען אומעטום, מע זאָגט: דו גייסט אַף זיכער... דו פרעגסט נישט נאָך, דו פאָרשסט נישט גאָר באַ גייערס שוין, וואָס בײַגעווען, וואָס אויסגעגאַנגען זײַנען וועלט, וואָס אויסגעטראָטן האָבן וועג — דו טרעטסט אַליין... זײַנען מיר זיך אַלע דאָ צונויפגעגאַן אין הייל זיך הײַנט, מיר ווילן וויסן: ווי נעמט זיך עס אַ יונגערמאַן, ווי נעמט זיך דאָס בטיכעס?...

און נאָכגעזאָגט האָט בעשאַס רעדן דעם אַלטן די איידע די גאַנצע, שטילערהייט, בעקאָוועד און מוסקעם מיט די קעפּ אים נאָכגעשאָקלט, און אַלעמאָל אַף מיר און אַף אים קוקנדיק, איניינעם מיט אים אויך די פראַגע געענדיקט: „ווי נעמט זיך צו אַ יונגנמאַן, ווי נעמט זיך דאָס בטיכעס?” — אָפּגעזאָגט, און אלע, ווי איינער, האָבן אף מיר די אויגן אָנגעשטעלט.

— מיר וואַרטן, — האָט דער אַלטער פאַר דער שטילגעבליבענער איידע געזאָגט.

— אַף וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— אף טשוווע, — האָט דער אלטער געענטפערט.

— קיין טשוווע האָב איך נישט. מײַן טשוווע איז פאַרבאָרגן, מײַן ענטפער איז מײַן לעבן און וואָס ס׳וועט מיך טרעפן, און וואָס, קען נישט וויסן.

— און ווי אזוי־זשע האָסט זיך עס געלאָזט?

— נישט געטראַכט און זיך אָפּגעלאָזט: פאַר מײַן ווילן — מײַן וועלט, פאַר מײַן ראָצן — א לעבן אײַנגעשטעלט.

— מאפקיר געוועזן?

— מאפקיר.

— און ווער האָט דיר דאָס רעכט געגעבן?

— כ׳האָב זיך עס גענומען.

— און ווי מעג מען דאָס?

— כ׳האָב זיך אזוי געטראכט: ווײַל אלץ, וואָס פאראנען, דאָס אלץ איז געגעבן צו מענטש פאר זײַן ברײרע, פאר הייליקער ברײרע, אויך אייגענער לעבן און לעבן אָן ברײרע, און איך האָב אײַנגעשטעלט.

— און ווער איז דײַן אָרעוו?

— מײַן מאלעך און מײַן בטיכעס.

— און וואָס טוט ער דיר, דײַן מאלעך?

— ער היט מיך.

— פון וואָס?

— פון אלע ספייקעס און פון בייזן אלעם.

און אויסגעוואורט האָט מיך א צײַט א לאנגע, נאָך מײַן ענטפער דעם, דער אלטער, שטיל און שווײַגנדיק מײַן אויסזען און מײַן האלטן־זיך באטראכט, פון אויבן אראָפּ און פון אונטן ארוף מיט זײַן קוק מיך געמאָסטן, דערנאָך זיך פון מיר אָפּגעקערעוועט, צו דער איידע זיך געווענדט און בא איר א פרעג געטון:

— האָט איר געהערט, געהערט?

— יאָ, געהערט, — האָט די איידע געענטפערט און צווישן זין עפּעס שושקען און סוידען זיך גענומען.

און אופגעהויבן האָט זיך פון זײַן אָרט און פון אויבנאָן דאן דער אלטער, שטיל און פארטראכט די איידע באם טיש און אין שושקען־זיך געלאָזן, און נישט באמערקט פאר איר, און א ווונק צו מיר, מיך פון טיש אָפּגערופן און צו א ווינקל מיך צוגעפירט. שיין און מאלכעסדיק איז דער אלטער פאר מיר אין ווינקל דאן געשטאנען, מיט מיר זיך איבערגעקוקט און שטיל און ווי בעסאָד דערנאָך בא מיר א פרעג געטון: —

— און ווער איז דײַן מאלעך, גייער?

— מײַן אלטער, — האָב איך אים געענטפערט.

— און ווי לאנג האָסטו אים שוין נישט געזעען?



— שוין זייער.

— וואָלסטו אים דערקענט אצינד?

— געוויס.

— איז ער אין הייל איצט דאָ...

האָב איך באלד און אף גיך דעם קאָפּ צום טיש און צו דער איידע אויסגעדרייט, פלינק און אין איין מינוט דעם אוילעם דאָרט מיט די אויגן דורכגעלאָפן, הין און צוריק, צוריק און נאָכאמאָל, נישט געפונען, האָב איך זיך מיטאמאָל, און ווי דער־מאָנט, צום פאר־מיר־שטייענדיקן אלטן זיך א קער געטון און... שטיל און אָנמעכטיק אים צום הארצן צוגעפאלן. שטיל און כלי־פענדיק בין איך בא אים, און געדריקט פון אים, אין זײַנע הענט אזוי געלעגן, און ער האָט מיך געגלעט, מײַן קאָפּ מיר געדריקט, מיך בארויִקט און מײַן וועלט מיר געטרייסט. אויסגעוואורט און אָפּגעטרייסט — און ער האָט מיך פון די הענט ארויסגעלאָזט:

— און איצטער, גייער, אין וועג ארײַן. כאיעס, אויפעס און שראָצים וועלן דיר דײַן וועג ווײַזן, ביז דו וועסט לעסאָף צום וואָלקן־מענטש צוקומען, און אז ער וועט דיך צו זיך ארופרופן, זאָלסטו אופגיין... — און דער אלטער האָט מיך אָפּגעזעגנט. און אויסגעדרייט האָב זיך נאָר פארן ארויסגיין צו דער שטוב און צום אלטן מײַנעם, נאָכאמאָל אף זיי א קוק געטון און צו דער שטילער, זיצנדיקער און אלץ צוזעענדיקער איידע פארן אָפּגיין מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— א גוטע נאכט, איידע הייליקע.

— גיי געזונט, גייער. — און איך בין פון דער הייל ארויסגעגאן.

---

און אין א צײַט ארום האָב צום ערשטן דעם פוקס באגעגנט. ס׳איז פארנאכט אין א גרויסן סטעפּ געווען. ווײַט און אָפּ־געשיידט, שטיל און פאר דער ערד פאר דאָרטיקער האָט זיך די זון שוין זעצן גענומען. פײַערדיק און גרויס איז זי שוין אפן עק פון הימל געשטאנען און מיט ראנד און מיט פײַער־ראנד שוין די לעצטע ערד־ליניִע אָנגערירט. שטיל און ליכטיק נאָך איז פאר מיר די גרויסע ערד־און־הימל־ראָד געלעגן, און מײַן

וועג און מײַן גלײַכער דאָרט איז אהין ארוף צו זון און צו זון זעצן פארגאַן.

בין איך מיר אזוי געגאנגען און געגאנגען, אַף וועג און אַף שקיִע, וואָס ארוף־צו, געקוקט, און פון מאָל צו מאָל, פון איינ־מאָל צום צווייטן, די זון שוין א פארגאנגענערע און אראָפּ־געזעצטערע געפונען. א מינוט און צוויי, פאמעלעך און מער — און די זון איז שוין אינגאנצן פון האָריזאָנט פארשוווּנדן. און פּלוצים... און דערזעען האָב איך, ווי ווײַט־ווײַט, אקעגן מיר, און ווו די זון האָט זיך געזעצט, האָט זיך עפּעס א קליין און דאָרטיק כאיעלע באוויזן און ליכטיק און באלויכטן זיך ארויסבאוויזן און שטיין געבליבן.

קליין, ווײַט און ליכטיק איז דאָס כאיעלע דאָרט אפן האָרי־זאָנט געשטאנען, ווי קיינמאָל נישט געווען, ווי קיינמאָל דאָס נישט בײַגעווען, אַף דעם סטעפּ און אַף זײַן ראָד־די־גרויס גע־קוקט און ווי מיט יאָ־גלויבן און אומגלויבן פארן אָנקומען דאָס אָרט און ווײַטקײַט באטראכט. א ווײַלע און צוויי... און אָפּגעריסן האָט זיך דאָס כאיעלע פון אָרט זײַנעם דאָרטן, ווי געמוזט און גענויט פון האָריזאָנט דאָרט ארויס, און באלד צו מיר און אַף סטעפּ צו מיר זיך לויפן געלאָזט.

און געלאָפן איז עס אזוי פון האָריזאָנט פון ווײַטן, און געזעען האָב איך, ווי לויפנדיק האָט אלעמאָל דעם קאָפּ אין די זײַטן אויסגעדרייט, מיט כשאד און מיט מוירע אַף צוריקוועגס זיך אומגעקערט און אזוי, און נישט געגלויבט, און אזוי און מוירע־האָבנדיק, איז אלץ מער און מער אין סטעפּ אַרײַנגעקומען און נעענטער און נעענטער פאר מײַן אויג שוין אָנגעזעען. און אָנ־געקומען איז דער פוקס לעסאָף דאן אין וועג מיר אקעגן, ווײַט און אָפּגעטראָטן, מיט מוירע און אן אָרט פאר מוירע אַף אנטלויפן זיך געמאכט, און נישט גערוט און נישט אײַנגעשטאנען, זיך גע־דרייט און אופגערעגט, פאר מיר און פאר שעטעך פון מיר דאָך שטיין געבליבן; געשטאנען, אַף מיר בליקן געוואָרפן, עפּעס אומ־רויִק און דערשראָקן אין די הענט מיר געקוקט, אַף פאר מיר און הינטער מיר זיך ארומגעקוקט, נישט געגלויבט און נישט גע־טרויט, און לעסאָף, און ווי בעיין ברײרע, דאָך צו מיר אויסגעשריגן:



— ליבער גייער, העלף מיר!
— וווּהין אײַלט און וווּהין לויפט עס דער פוקס, דער ליבער?
— אין דער וועלט ארײַן.
— פאר וועמען איז?
— פאר דער כאָכמע.
— וואָס איז געשען?
— די כאָכמע איז מיר פון קאָפּ אין עק ארײַן... ס'דוכט מיר: איך לויף און זי לויפט מיר נאָך...

pursued by
rational
mind

— ווי אזוי איז דאָס דיר געקומען?
— כ'האָב זיך פארדרייט, כ'האָב זיך נאָך מײַן אייגענעם עק געיאָגט.
— מיט וואָס־זשע העלפט מען דיר?
— מיט ברויט, גייער.
— דער פוקס איז הונגעריק?
— יאָ, גייער: גרויס איז די וועלט און קליין דער מויעך. און דער קאָפּ דעם עק דערגרייכט נישט, און די כאָכמע קומט צו הילף אָן. און כאכאָמים בעטלען: גיב, וואָס דו האָסט.

האָב איך באלד מײַן טאָרבע פון דער פלייצע אַף דער זײַט אריבערגענומען, זי צעשנורעוועט, געזוכט און עפּעס געפונען, האָב זיך מיט דעם צום פוקס געלאָזט און אים אונטערטראָגן געוואָלט...

— ניין, ווארף מיר, — האָט דער פוקס מיִט מוירע און שוין פון אָרט אָפּשפּרינגענדיק געשריגן, — ווארף מיר, כ'האָב מוירע.
— פאר וועמען?
— פאר שיצער און העלפער.
— וואָס הייסט עס?
— דאָס איז די שטראָף פון כאָכמע.
און איך האָב א וואָרף געטון.

cf to hunters
dog above.

און אונטערגעשפרונגען און אויסגעכאפּט האָט דער פוקס דאָס געוואָרפענע, זשעדנע און ברייִט דאָס מויל מיט די אויגן געעפנט, א כאפּ געטון, מיט די ציינגלען א קנאק געטון, און כאפנדיק, מיט דאנק און מיט כשאד שוין אין דער זײַט ארײַן אָפּלויפן געוואָלט...

— וואַרט אויס, — האָב איך אים א געשריי געטון.

— וואָס אזוינס? — האָט ער מיך מיט א זײַט שוין שטייענדיק געפרעגט.

— כ'האָב דיך וואָס צו פרעגן.

— וואַרט־זשע אויס...

און אוועקגעגאַן איז דער פוקס אין א זײַט און אין סטעפּ אַרײַן פּאַמעלעך, ווי פּאַרוקט און פאַרשטעלט דאָס געכאַפּטע פון מויל, אַף דער ערד אַרויסגעלאָזט, זיך איבער דעם איבערגעבויגן, אַף גיך און הונגעריק דאָס אַף טײלן געטיילט, און געשלונגען, געשלונגען און אַף טײלן געטיילט. אָפּגעגעסן, האָט ער זיך שוין שטילער און באַפרידיקטער צום וועג זיך אומגעקערט, צו זײַן אָרט פון פריִער, און שוין באַרויִקט, געזעצט און געזעטיקט מיר א זאָג געטון:

— און איצטער, גייער, פרעג.

— האָסטו נישט געזען, האָסטו נישט באַגעגנט דעם וואָלקן־מענטש אין לויפן?

— ניין, גייער.

— אויך נישט געהערט פון אים?

— געהערט — יאָ,

— פון וועמען?

— פונעם אָדלער. און ערשט הײַנט געזען: ער האָט רויב געטראָגן, האָב בא אים א ביסן געבעטן, האָט ער מיך צו דיר אָפּגעשיקט און זאָגן געהייסן: דער וואָלקן־מענטש פרעגט זיך א יך נאָך.

— אַף וועמען?

— אַף דיר.

— און ווו ווינט דער אָדלער?

— אין לאַנד פון בערג און פון שטיינער.

— א שיינעם דאַנק דיר, פוקס ליבער.

— גיי געזונט, גייער.

און מיר האָבן זיך צעשיידט. דער פוקס איז זיך באַלד אַף הינטער מיר אין סטעפּ אוועקגעלאָפן און איך מיר אַרוף מײַן וועג מיר געגאַנגען.



און איך בין אין אָדלער־לאַנד אָנגעקומען. אָנגעקומען, האָב איך זיך צום אלעם ערשטן אַף א הויכן פעלז אויפגעהויבן, אַרופּגעקלעטערט און אַרום און אַרום דאָס אָרט און דאָס לאַנד דאָרט באַטראַכטן גענומען. ווילד און וויסט איז מײַן אויסגעקליבענער הויכער און נאַקעטער פעלז־באַרג געשטאַנען, מיט קאָפּ אין וואָלקן און מיט פיס אין אָפּגרונט אָנגעשפּאַרט, און מיט שפּיץ און מיט הויך, מיט אויג און מיט ריִע, האָט איבער אלע בערג אין דער גאַנצער געגנט דאָרט געהערשט. האָב איך זיך אַף דעם באַרג אַן אָרט געמאַכט און אַף אָדלער און זײַן אָנקומען דאָרט וואַרטן גענומען. א טאָג און צוויי — און דער אָדלער איז נישט געקומען. אַפן דריטן טאָג... הויך און אונטערן הימל־קליין בין איך אַזוי דאַן אין דעם באַטאָג אַף דעם פעלז געזעסן. טאָגעדיק און ווײַט האָב פון דער הויך אַף די ווײַטע און אַף די האָריזאָנט־ליגנדיקע בערג געקוקט, און אַזוי און פון מײַן פעלז דאָרט דאָס בערגישע שווײַגן אין טאָג־שווײַגן פאַרנומען. ליכטיק און אויסגעלײַטערט איז אין דעם באַטאָג דאָרט געווען. אַיינס בא אַנדערן און איינס נאָכן אַנדערן זײַנען ווײַט און שורעסווײַז די הויכע בערג אין טאָג און אין ווײַטקײַט געשטאַנען, ווײַט און באַלויכטן האָבן איינס אַף אַנדערן און איינס איבער אַנדערן איבער קעפּ זיך געקוקט, און אַזוי און שווײַגנדיק, און אַזוי און מענוכעדיק ווי נאָר מיט זיך און מיט די הויכן זייערע פאַרנומען. און פון הינטן און פון נידער, פון צופוסנס און טאָלן נישט געדאַכט און אַף זיי קיין אכט נישט געגעבן.

און אָט, ווי איך בין מיר אַזוי הויך און קליין אַף מײַן פעלז געזעסן, אַזוי האָב באַמערקט, ווי שטיל און מיטאַמאָל האָט זיך עפּעס ווײַט און אַף אלע בערג אַרום א שאָטן איבערגעצויגן, אַפן ליכטיקן זיך אָנגערוקט און אַף געגנט און אַף גאָר דער געגנט די זון און די שײַן פון זון פאַרטונקלט.

און אויפגעשטאַנען בין איך דאַן פון זיצן און פון באַרג פון הויכן, פריִער אַף פאַר זיך, דערנאָך אַף הינטן און אַף די זײַטן זיך אומגעדרייט, מיט די אויגן געזוכט און גאָרנישט ניט געפינענדיק, האָב איך עפּעס מיטאַמאָל און אומגעריכט דעם קאָפּ אַרויף און צום הימל אויפגעהויבן און דערזען: —

הויך אין הימל און בּאַ דער זון פון אויבן איז אַ גרויסער און גוואַלטיקער אָדלער געפלויגן, אין מויל און אין פליִען האָט אַ גרויסע שניי־ווײַסע און פוכיק־צעפּאַטלטע גאַנדז געטראָגן און אַזוי און פליִענדיק, פון הויך און אַראָפּ, פון דער זון און אַרויס, ביז ער איז לעסאָף אויף מײַן פעלז געקומען און מיט רויִב זיך אָפּגעשטעלט... דאָס ליכט האָט זיך אומגעקערט: בּערג און געגנט זײַנען ווײַטער און, ווי דער שטייגער, אין ליכט געקומען, שטיל און גרינג דעם בּערויִגעז איבּערגעקומען און בּעשאָלעם און צוריק שוין אין טאָג און אין שײַן פון טאָג געשטאַנען.

איז דער אָדלער אַ ווײַלע אַזוי אויף זײַן אָרט עטעמענדיק און ויך נישט ריִרנדיק געבּליבּן, די רויִבּ בּאַ די פיס געהאַלטן, פון הויך און פון פליִען אָפּגערוט, מיט אויגן און מיט זײַנע זײַן בּאַרג און אַרום דעם בּאַרג בּאַטראַכט, און לעסאָף, און מיך אויף אים שטיין בּאַמערקט, האָט ער אויף מיר די אויגן אָנגעשטעלט און מיט כידעש און שטרענגן אויף מיר קוקן גענומען:

— ווּעמען דאַרפסטו דאָ?

— אויף וואָלקן־מענטש פרעג איך.

— ווער האָט דיך געשיקט אַהער?

— דער פוקס.

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— דו האָסט אים אין פליִען בּאַגעגנט.

— יאָ, ער פרעגט זיך נאָך אויף דיר. און אויבּ איך וועל דיך זען, האָט ער מיר דיר זאָגן געהייסן: „דו וועסט אים נישט געפינען, בּיז דו וועסט זיך מיטן מוילוואָרף נישט זען"...

— וואָס הייסט עס?

— ס'איז זײַנע ווערטער.

— דער מוילוואָרף און דער וואָלקן־מענטש?

— יאָ: הויך פליט דער אָדלער און ווײַט איז זײַן ריִע, אויף רויִבּ זיך צו אויסזען, און רויִבּ איז פון הינטן... דער מוילוואָרף איז געשאָלטן, דער מוילוואָרף האָט קיין אויגן, דאָך זעט ווען אַזעלכעס, וואָס קיינעם געוויזן: די הימלען פון טיפן. און איצטער גיי.

— און ווּ וועל איך דעם מוילוואָרף געפינען?



— דאָ פון הינטן. —

און דאָ האָט מיר דער אָדלער מיט אויג אויף בּאַרג און אויף אונטערבּאַרג אָנגעוויזן.

האָבּ איך בּאַלד, דאָס אויסהערנדיק, צו מײַן אָרט זיך אײַנגעבּויגן, מײַן האַק און פּאַק מיר פאַרנומען, זיך מיטן אָדלער געזעגנט, שטיל און מיט אַ זײַט פון אים און זײַן קוק בּאַגלייט, אַזוי זיך פון זײַן אויג אַרויסגערוקט, פון בּאַרג אַראָפּגעגאַנגען און אין דער נידער זיך אַראָפּגעלאָזט.

---

האָבּ איך זיך טאַקע בּאַ אָט דעם בּאַרג צופוסנס אַן אָרט אויסגעזוכט, זיך דאָרט בּאַזעצט און אויף מוילוואָרף און אויף זײַן ווײַזן־זיך וואַרטן גענומען. בּין איך אַ שטיק צײַט דאָרטן אַזוי אין טאָלן אָפּגעווען, צווישן בּערג זיך אַרומגעדרייט, צווישן פעלזן און שטיינער געקלעטערט, אין די שפּאַלטן געזוכט, אין די היילן זיך געגראָבּן און אים נישט געפונען, בּיז איינמאָל...

און געלעגן בּין איך אַ פאַרנאַכט דעמאָלט בּאַ מײַן בּאַרג צופוסנס—פאַרנאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, מיט איין האַנט אונטערן קאָפּ אָנגעשפּאַרט, מיט דער צווייטער דאָס ווילדע און האַרטע גראָז נעבּן זיך געקאַלופּעט, אַזוי־זיך און סטאַם זיך, און די גאַנצע צײַט, און בּעשאַס־מײַסע, אויף דער ערד, וואָס בּאַ מײַן געלעגער, געקוקט. שטיל איז דאַן צווישן מײַן בּאַרג און צווישן די שכיינים־בּערג געווען, שטילקײַט און רו האָט שוין צווישן די הויכע, שטיינערנע און טויבּע ווענט דאָרט גערוט, שטיל און דאָרטיק האָבּן שוין אויף די בּערג־קעפּ די לעצטע זונענשטראַלן געצאַנקען. און רויִק און איבּער־רויִק איז אין די טאָלן שוין די נאַכט אַרײַנגעגאַנגען. בּין איך מיר אַזוי אויף מײַן אָרט געלעגן, טונקעלער און טונקעלער איז אַלעמאָל אַלץ מער און מער דאָס ליכט דאָרט געוואָרן, טויבּער און קלינגענדיקער זײַנען זיך דאַן שטיל די בּערג אין פאַרנאַכט צונויפגעגאַן, און אָן קאָל און אָן ווידערקאָל, אָן קלאַנג און אָן אָפּקלאַנג איז דער טאָג דאָרט אויסגעגאַן.

און בּאַמערקט האָבּ איך, אַזוי דאָרט ליגנדיק, ווי שטיל און טונקל, פּאַמעלעך און נישט זיכער האָט זיך נעבּן מיר אַן ערד־

בערגל הייבן גענומען, אופגעהויבן און אָפּגערוט, אָ:גערוט און אופגעהאלטן, ווײַטער זיך געהויבן און מיט גרינגער ערד און מיט ווייכער ערד אין די זײַטן זיך שיטן גענומען. אָפּגעשאָטן, האָט זיך פון שפּיץ פון בערגל א קעפּל זיך ארויסגעשטעקט, פּאַמעלעך מיט נעזלעכע־ אין דער לופט אָנגעשמעקט, בלינד און זוכנדיק, ווי ארומקוקן זיך גענומען, און באלד דערנאָך שוין אינגאנצן מיטן קערפּערל פון בערגל ארויסגעגאן. דאָס איז דער מוילוואָרף געווען.

איז דער מוילוואָרף אזוי א פּאָר מינוט אפן בערגל געשטאנען, בלינד און אָנגעשמעקט און אין די זײַטן געזוכט, און לעסאָף,—און ארויסגערריט האָט ער זיך דערנאָך מיטאמאָל צום אָרט צו מײַנעם, מיט קעפּל שוין צו מיר געקערעוועט און גלײַך—און אָן שום—מיך אזוי א פרעג געטון:

— גייער, אפן וואָלקן־מענטש פרעגסטו?

— יאָ, — האָב איך אים, באלד זיך אופהייבנדיק, געענטפערט.

— דער וואָלקן־מענטש פרעגט זיך אויך נאָך.

— און ווו געזען האָסטו אים?

— אין הימלען.

— דו?

— יאָ, כ'האָב אויסגעבעטן.

— נו?

— האָב איך אמאָל, אין דער ערד גראָבנדיק זיך צו א שטיין־קוואל צוגעשלאָגן. פאריגלט און הארט איז דער שטיין אפן קוואל געלעגן און מיך נישט צוגעלאָזט און פון ווײַטער־גראָבן מיך פארהאלטן. האָב איך צום גײַסט פון קוואל אָנגעקלאפּט: „גײַסט פון קוואל, גײַסט פון קוואל, עפן מיר"... — כ'קען נישט, — האָט ער מיר ארויסגעענטפערט. — „פארוואָס?" — האָב איך בא אים געפרעגט. — ווײַל אין קוואל זײַנען הימלען און הימלען פאר אויגן, כ'קען נישט... האָב איך זיך צעוויינט און לאנג געוויינט, און דאָס וואָרט האָב זיך געגעבן: איך טרעט נישט אָפּ פון דאָרטן, איך וועל אים קיין רו נישט געבן, איך וועל קלאפּן און קלאפּן, ביז מײַן טויט וועט זײַן... האָט מען אף מיר ראכמאָנעס געקראָגן, דעם שטיין אָפּגערוקט, מיר אויגן געשפּאָלטן און ווונדער און



איבער־ווונדער אין קוואל מיר געוויזן... און געזעען האָב איך, ווי קלאָר און טיף איז אין קוואל א גרויסער, ריינער, ליכטיקער און בלויער הימל געלעגן, איינציקוויַיז, איינציקוויַיז זײַנען ווײַסע און פּוכיקע און קלאָר געבעטע וואָלקנדלעך פון האָריזאָנט אָנגעקומען און אף איינעם פון זיי איז מיט א ליכטיק לאכנדיק הימל־פּאָנעם דער וואָלקן־מענטש אף א בארג געזעסן; געזעסן. די פיס אראָפּגעלאָזט און מיט גרויסע און שטראלנדיקע אויגן ווײַט פון הינטן און ארומגעקוקט, און עפּעס געזוכט און אויסגעזעען. פלוצים... און דערזעען האָט מיך דער וואָלקן־מענטש הינטן אין ברונעם קוקנדיק, האָט ער זיך איבער וואָלקן איבערגעבויגן, ארײַנגעקוקט און הימל־לאכנדיק מיר ארײַנגעשריגן: — מוילוואָרף, איך טראכט פון דיר! א דאנק פון אונדז, דו גראָבסט פאר אונדז, דערגראָבן וועסט, דערלאנגען וועסט די טיפסטע פון די טיפן... און הער מיך אויס: עס קומט צו דיר אין צײַט ארום דער גייער אף מיר פרעגן, זאָלסט זאָגן אים: איך וואַרט אף אים און זוך אים אף די וועגן... און הער מיך אויס: און לערן אים, דערציייל אים פון די טיפן, וואָס יאָרן־לאנג, וואָס גראָבן זיך, האָסט גראָבנדיק געפונען.... אָט דאָס אינגאנצן.

— נו?

— און איצט, גייער, גיי. דרײַ זאכן זאָלסטו זוכן, דרײַ זאכן וועסט געפינען, בא דער דריטער זאך וועט דיך דער וואָלקן־מענטש רופן. און געדענק: קעסיידער דעם קאָפּ נאָר אראָפּהאלטן, און מיט אויגן אף דער ערד קוקן...

אָפּגעזאָגט, האָט זיך דער מוילוואָרף מיט קעפּל צו בערגל און צו מויל פון בערגל זיך אויסגעדרייט, א ווײַלע נאָך מיט די נעזלעכער אין דער לופט געשמעקט, דערנאָך דאָס קעפּל אין בערגל ארײַנגעשטעקט, אראָפּ און נישט געבליבן.

האָב איך נאָך אף יענעם אָרט, אין יענער נאכט, באם צופוסנס פון בארג גענעכטיקט, און מיטן טאָג און מיט ליכטיק ווערן בין איך פון מוילוואָרף־און־אָדלער־לאנד ארויסגעגאן, איבער בערג אריבער און ווײַטער אף ערדן און אף וועגן, אף וועלט און אף וואנדערן זיך גיין געלאָזט.

---

בין איך געגאַנגען און געגאַנגען — אַ טאָג און צוויי, אַ וואָך און אַ וואָך, אַ כוידעש און מער, די גאַנצע צײַט דעם קאָפּ אַראָפּ צו דער ערד געהאַלטן, אין די זײַטן זיך נישט אומגעקוקט, פֿאַר די פֿיס און פֿאַר די טריט נאָר געזען, געקוקט און געזוכט און גאָרנישט ניט געפֿונען. ביז איינמאָל...

און געווען איז דאַן אַ בלאַסער און פֿאַרכאַלעשטער לעוואָנע־אָוונט. הויך, בלאַס און צוגעשלאָגן האָט אין הימל נישט קיין פֿולע לעוואָנע געשײַנט, אין האַלבער שײַן און אין אָפּגעצערטער איז פֿאַר לעוואָנע אַ ווײַטער, ווילדער און אָוונטיקער סטעפּ געלעגן און זײַן ערד און ווײַטקײַט, און זײַן ווילדע ווײַטקײַט האָט אַ ווײַסער, קאַם־אָנגעזעענער כאַלאָשעס־נעפּל פֿאַרצויגן.

בין איך מיר דאַן אַזוי אײַנאָוונט אין סטעפּ געגאַנגען, איינער אַליין, די גאַנצע צײַט זיך אין דער מיט געהאַלטן, דעם סטעפּ אין דער ברייט, ווי אויף דער העלפֿט געטיילט, אַזוי אַ שאָ און צוויי, פֿון אָנהייב אָוונט אין שפּעטערן, פֿון שפּעטערן אין טיפֿערן, ביז איך בין אין האַלבער נאַכט געקומען. און דאַן — האָב איך פּלוצים און אומגעריכט אויף מײַן וועג אין אַ ווײַסן אַלטן שאַרבן זיך אָנגעשלאָגן.

געלעגן איז זיך דער שאַרבן אויף לעוואָנע־שײַן און אויף ערד אינמיטן, מיט די אויגן צו דער ערד און מיט האַלדז־און־נאַקן צום הימל אויסגעדרייט, ווי מעוויִעש און פֿאַרשעמט, אָן הענט און אָן מעגלעכקײַט אויף עמעצנס קומען און דורכגיין געוואַרט, געלעגן און זיך אויסגעוואַרט. בין איך פֿאַמעלעך צום שאַרבן און צו זײַן ליגן צוגעגאַן. אַ ווײַלע איבער אים אין סטעפּ און אונטער לעוואָנע געשטאַנען, זײַן ליגן און אומבאַהאָלפֿנקײַט באַטראַכט, דערנאָך אים אויפֿגעהויבן, פֿון שטויב און פֿון ערד אים אָפּגעטרייסלט, און אין שײַן און פֿאַר לעוואָנע אין דער האַנט אים אַקעגן די אויגן זיך אוועקגעשטעלט. געקוקט אויף אים און געקוקט, דערנאָך זיך צו אים מיט אַ פֿראַגע געווענדעט:

— שאַרבן, ווער ביסטו?

— דער געשטראָפֿטער,—האָט ער מיר געענטפֿערט.

— און מיט וואָס האָסטו געזינדיקט, שאַרבן?

— מיט אַרויפֿקוקן.

1st donor



Skeleton - Stargazer Tells his Tale

— האָט מען דיך געשטראָפֿט?

— מיט די אויגן אַראָפּ ליגן.

— און ווער ביסטו אין לעבן געווען?

— אַ שטערנזעער.

— נו?

— האָב איך זיך פֿון וועלט און פֿון מענטשן אַרויסגענומען, בין איך אוועקגעגאַן, שטעט און ייִשובֿ פֿאַרלאָזט, האָב איך אין פּוסטע סטעפּן און מידבאָריִעס געוואַנדערט, נעכט און שפּעטע נעכט אויף די בערג געקלעטערט, צײַט און מידבער־נעכט אין די הימלען געקוקט און יאָרן־לאַנג דאָרט מײַן שטערן געזוכט...

— נו?

— און איינמאָל נאָך יאָרן קוקן, נאָך יאָרן זוכן, ווען כ'בין שוין אַלט און אָפּגעלעבט געווען, קויעך און ריִע אָנגעווירן, און וועלט און לעבן זײַנען מיר שוין הינטער די פּלייצעס געשטאַנען, האָב איך איינמאָל אין אַ באַנאַכט ווײַט אין הימל דערזען: קליין און בלאַס, נישטיק און קאַם מיטן אויג צו זען, האָט אין הימל אַ ווײַט און פּיצל שטערנדל געפֿינקלט... נאָר אין דער רעגע, ווי איך האָב נאָר דאָס שטערנדל אין הימל באַמערקט, אַזוי האָט זיך מיר עפּעס אַ האַנט אויפֿן אַקסל אַרויפֿגעלייגט און מיך אַ רוף געטון... האָב איך זיך אויסגעדרייט און דעם טויט דערזען: „מען רופֿט דיך, שטערנזעער"... — מיך!? — האָב איך זיך פֿאַרוווּנדערט. — „דיך!" — האָט דער טויט געענטפֿערט. — כ'האָב זיך דאָך ערשט מײַן שטערנדל דערזען? — „ס'אַ טאָעס: דער שטערן איז ניט דײַנער". — און מײַנער? — „אָט וווּ!" — און דער טויט האָט אַ ווײַסן, לאַנגן און ביינעריקן פֿינגער גלײַך אַרויף, איבער מיר און איבער מײַן קאָפּ אויפֿגעהויבן, און גלײַך און אויבן מיר אין הימל אויף אַ ליכטיקן, שײַנענדיקן און לעבעדיקן שטערן אָנגעוויזן: „אָט איז ער!..." — נאָכגעקוקט האָב דעם טויט און נאָך זײַן פֿינגער אויפֿן שטערן דאָרטן, זיך אײַנגעקוקט און דערזען: עמעס... נאָר אין דער רעגע האָט זיך דער שטערן פֿון זײַן אָרט אָפּגעטײלט, אַ גיי געטון און שטיל און לאַנג אַ ווײַסן און לאַנגן פּאַס נאָך זיך געלאָזן — און איך בין מיטן פּאָנעם אַראָפּגעפֿאַלן און צו קווורע נישט געקומען.

no sooner does he see his true star than he dies

— און ווײַטער?

— אין א צײַט ארום האָט דער מוילוואָרף בא מיר אין שארבן זיך אן אָרט געמאכט, זיך באזעצט און א שטיק צײַט דאָרט אָפּגעוועז. פארן אוועקגיין און מיך איבערלאָזן, האָט מיר דער מוילוואָרף אזוי געזאָגט: שארבן, זע, דעם ערשטן, וואָס וועט דיך פון דער ערד אופהייבן, זאָלסטו די זאך דערציילן.

— נו?

— האָב איך דיר דערציילט.

— און וואָס לערנט מיך דאָ דער שארבן?

— אז קורץ זײַנען יאָרן, דער סייכל קומט נאָך זיי.

— איז וואָס?

— איז לעבן א כעשבן: ווער פריִער נישט בארעכנט, דער לעבט אָפּ אין טאָעס, דערום היט זיך פון טאָעס...

— ווי אזוי?

— פארײַס נישט. נישט דעם קאָפּ און נישט די אויגן. קוק אראָפּ און זוך דאָס איי.

— וואָס איז דאָס?

— דער סאָד פון אלעס און דער אָנהייב פון אלעס.

— און ווו געפינט מען עס?

— אף אלע וועגן.

— און מיט וואָס דאנקט מען דיר, שארבן?

— נעם מיך מיט און אפן אָרט, ווו דו וועסט דאָס איי געפינען, זאָלסטו מיך צו קווורע ברענגען.

---

האָב איך פון דעמאָלט אָן דעם שארבן אין דער טאָרבע אף וועג און אף פלייצעס געטראָגן, מיט אים געגאנגען און געגאנגען, ווײַטער די אויגן צו דער ערד געהאלטן, נאָר אף וועג אראָפּגעקוקט, און אזוי, און קוקנדיק, די גאנצע צײַט נאָר פון שארבנס ווערטער געטראכט. בין איך אמאָל אין א פארטאָג ווידער אין א וואלד ארײַן אָנגעקומען.

אין דרויסן איז דאן זומער־לעב געוועז. רײן און מיט פרימאָרגן האָט זיך דאָס ווײַטע פעלד, דאָס באגראָזטע, פארן וואלד מיט טוי און מיט טאָג־טוי גערויכערט, פארטויעט, און אין



פארטאָג זײַנען די ביימער און די קוסטעס פארטון און אָנגעטון געוועז, און זומערדיק אין שלאָף, אין וואלד און אין פרימאָרגן אף זון און אופגיין געווארט. שטיל איז דאן אין וואלד נאָך געוועז. גלײַך און נישט גערירט זײַנען · נאָך די ביימער אין דרימל און· אינעם פארן אופשטיין געשטאנען, שטיל און פארטאָגיק זײַנען די סטעזשקעס ווײַס און אין טונקל־וואלד פארגאנגען, און נידעריק און קליין, געדיכט און פינצטערלעך האָבן נאָך די קוסטעס מיט די נעסטן גערוט. און פלוצים... האָט זיך דאן פון וואלד עפּעס א שפּיל דערהערט, פון דער טיף און פאר וואלד, פון ווײַט און פון ערגעץ — א שפּיל אן אָנזאָג, א שפּיל אן אויסרוף, פאר אלע און פאר אופשטיין און פאר אלדעם פארטאָגן. דאָס האָט זיך שוין אן ערשטער, רויטער און ווארעמער זון־שטראל באוויזן.

בין איך מיר דאן אין וואלד געגאן, שטיל און באָרוועס זיך אף א סטעזשקע געטראָטן, רויִק און אזוי אין וואלד און אין די זײַטן ארײַנגעקוקט, און אלעמאָל אלץ מער און מער שוין אין טיפערן און אין ליכטיקערן געקומען: די זון שוין אופגעגאן.

בין איך צו אן אָרט מיר צוגעגאן, זיך מיט טאָרבע אף דער ערד און אף גראָזן אראָפּגעלאָזט, זיך אנידערגעלייגט, זיך אף א זײַט אויסגעדרייט, א האנט אונטערן באק מיר אונטערגעשפּארט און אזוי און אין פרימאָרגן, נאָך גיין און נאָך מידן גיין, אף טאָג און אף גאנצן אף יענעם אָרט דאָרט אנשלאָפן געוואָרן.

דער טאָג איז אופגעגאן. וואלד און ביימער זײַנען שוין אין ליכט געשטאנען, צווײַגן און קוסטעס האָבן זיך שוין פון נאכט אויסגעטון, נעסטן און פייגל האָבן די מוטערס נאָך שפּײַז ארויסגעשיקט — און איך בין געשלאָפן.

ס'איז האלבער טאָג געקומען. ערד און סטעזשקע זײַנען אין זון געלעגן, וואלד און ביימער זײַנען נישט גערירט געשטאנען, פייגעלעך האָבן זיך שוין אין די ביימער געיאָגט — האָב איך זיך אף דער אנדערער זײַט אויסגעדרייט.

און, אז דער באטאָג איז אוועקגעגאנגען, אז די זון איז שוין נעבן מײַרעוו געוועז, שאָטנס, און שטילע שאָטנס, האָבן זיך שוין פון מיזרעך אין וואלד ארײַנגערוקט, און ערד און גראָזן האָבן זיי אין דער שטיל באטראכטן גענומען, האָב איך זיך דאן

שוין רירן געגומען, פאמעלעך אייוורים און גלידער אויסציִען, זיך אויסגלײַכן און מיטאמאָל און פריש און אָפּגערוט די אויגן געעפנט.

דאָס האָט מיך א קוקו אופגעוועקט.

אין וואלד איז דאן שטיל און פארנאכט געווען. רויִק און ווי אָן כאיעס, שטיל און אויסגעלאָשן זײַנען שוין די לעצטע זונען־פלעקן אף דער ערד געלעגן, מאט און אָפּהעגנטיק איז דער טאָג נאָך אין וואלד געשטאנען, און שוואך און נאָכגעגעבן, שטיל און זיך אונטערגעגעבן, ווי אף זיך און ארומיקן געקוקט. און אָט, און אין דער שטילקײַט, האָב איך פּלוצים ערגעץ פון דער טיף און פון ביימער, פון וואלד און פון זײַן באהעלטעניש א קוקו דערהערט, דאָס האָט ערגעץ אף א וואסער, איבער א וואלד־וואסער אין ביינאשמאָשעס אין דער שטיל, אין ווײַטקײַטן און אין שטילשווײַגן די קוקו מיט איר קאָל זיך צעלאָזט: „קוקו־קוקו"... געהערט און אָפּגעהילכט האָט זיך דער קוקוס וואסער־ציילן אין וואלד פון ווײַטן, דורך דער לופט און דורך וואלד, דורך פארנאכט און דורך ביימער—טרויעריק און לאנג, אומעטיק און מיט אָפּשטעל, — אָפּגעציילט און אופגעהערט, אנשוויגן געוואָרן און ווײַטער אָנגעהויבן, אזוי איין מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל... און שטיל איז ווײַטער געוואָרן, שטיל אין לופט און אין שווײַגן, שטיל די ביימער מיט שטאמען, קיין טריט אף די גראָזן, קיין שאָרך פון קיין צווײַגן און קיין פליגל־פּאָך פון אויבן און אין לופטן. און פּלוצים... און שטיל און אף גיך, מיטאמאָל, און ווי ביגנייווע האָט איבער וואלד עפּעס א פלי געטון, און שטיל. און באהאלטן אף א בוים און אין בלעטער איז עפּעס א פויגל ארײַן.

דאָס איז די קוקו פון ווײַט אין וואלד ארײַנגעפלויגן און שטיל נעבן מיר אף א בוים זיך געשטעלט. געשאָרכט און געפּאָרפלט האָט זי זיך א פּאָר מינוט נאָך אין די בלעטער דאָרטן, אן אָרט צווישן די צווײַגן זיך געפונען, שטיל געבליבן און אנשוויגן געוואָרן. א ווײַלע און צוויי—און די קוקו האָט דאן דאָס קעפּל פון די צווײַגן ארויסגעשטעקט און שטיל און גלײַך זיך מיט מיר מיט די אויגן באגעגנט. און אָנגערופן האָט זיך, נאָך



לאנגן שווײַגן און מיט מיר זיך איבערקוקן, די קוקו, און מיר אזוי געזאָגט:

— גייער, איך האָב געהערט, מע האָט מיר דערציילט, דו האָסט זיך צום בארג געלאָזט, דו גייסט שוין לאנג, דו זוכסט שוין לאנג, און פיל האָט דיך געטראָפן.—האָב איך געווארט, מע האָט מיר געזאָגט, דו קומסט אין אונדזער געגנט, איך קוק שוין לאנג, איך קוק ארויס אף דיר און דײַן ווילקומען: איך האָב דיר וואָס צו בעטן.

— און וואָס אזוינס, קוקו?

— הער מיך אויס,—און די קוקו האָט אָנגעהויבן:

א צײַט דערפריִער, אין פרילינג נאָך פון הײַנטיקס יאָר אין פריִען, געיאָגט נאָך מיר א „ער" האָט זיך און ליבע מיך געבעטן. געיאָגט האָט ער, געשפירט האָט מיך אף אלע מײַנע ערטער — קיין רו געלאָזט, קיין אָטעם פרײַ האָט קיינמאָל מיר געגעבן. האָב איך אמאָל אין א פארנאכט די געגנט דאָ פארלאָזן, און שטיל און גיך, מיט שרעק און פורכט, מיט גנייווע־פּורכט, אוועק־געפלויגן. געפלויגן בין דאן לאנד און לאנג, כ'האָב נישט געוווסט וווהין און וויפל — צי טאָג מיט נאכט, צי צוויי מיט נעכט, ביז איינמאָל בין געקומען: אין ווײַטן דאָרט, א ווילדן וואלד, אף ערשטן בוים געשטעלט זיך... געשטאנען בין א צײַט אזוי מיט אויגן צוגעמאכט, און אָפּגערוט פון ווײַטן וועג, פון ווײַטן וועג, פון פליִען — און מיד אזוי געשאָקלט זיך, געשאָקלט. און ס'איז געווען, ווען אָפּגערוט די אויגן האָב געעפנט, האָב איך דערזען: דער „ער" בא מיר אף זעלבער צווײַג, ער שטייט נדאָרט אויך און עטעמט אויך פון פליִען. אין רעגע דער האָ באָך דערזען אין וואלד אף ערד פון הינטן — אן אלטינקע, אן אלטינקע, א באבעטשקע מיט שפּענער... דערזען האָט מיך די אלטע אויך און באלד אזוי געזאָגט מיר: „דו, קוקו, הער: דער ,ער" האָט ווערט, ער ליבט אזוי די קוקו, טאָ גיב זיך אים, ר'איז דיר באשערט אף לעבן־לאנג און ליבע. און זע און הער: און קער זיך אום, מיט איי, מיט פרוכט פון ליבע, צוריק אהין, אין געגנט דאָרט, פונוואַנען ביסט געקומען. און קער זיך אום: אין צײַט ארום וועט דורכגיין דאָרט א גייער, דערצייל עס אים

און גיב עס אים, דאָס אייעלע פון ליבע... דו זאָג אים דאַן אין נאָמען אויך פון אלטן, ר׳זאָל היטן עס, ר׳זאָל טראָגן עס, ביז־וואַנען מע וועט דאַרפן״.

— אָט דאָס אינגאַנצן.

— און ווו איז דאָס אייעלע, קוקו?

— גיב א קוק.

און אופגעהויבן און אופגעזעצט האָב זיך אף מײַן אָרט און פון געלעגער דעמאָלט, אפן אָרט, ווו קוקו האָט מיר אָנגעוויזן, זיך מיטן פּאָנעם געקערעוועט און דערזעען: שטיל און קליין איז אין א זײַט בײַ מיר, און בײַ מײַן צוקאָפּנס דאָרט, אין גראָז און אין טונקלקײַט, א ווײַס און זויבער אייעלע געלעגן, נישט גע־שיצט און פאַרלאָזן, אליין און אָן האשגאָכע, און שטיל און שווײַגנדיק זיך ווי אין א נעסט געבעטן — אף פעדערלעך און אויסגעבעט און א שטילע פאַרטראַכטע נעסט־מאמע מיט פליגעלעך אף איבערבעט. האָב איך דאָס אייעלע אין דער האַנט אַרײַן גע־נומען, מיט זײַן גלאַטקײַט און זויבערקײַט זיך געשפּילט, אף דעם געקוקט, דערנאָך זיך צו קוקו געקערעוועט און בײַ איר א פרעג געטון: —

— און פאַרוואָס זיצסטו עס, קוקו, אליין נישט אויס?

— קוקו איז געשאָלטן — האָט זי מיר געענטפערט.

— מיט וואָס?

— אירע קינדער זאָלן פון פרעמדע אויסגעזעסן ווערן.

— פאַרוואָס איז?

— קוקו האָט קיין נעסט נישט.

— וואָס־זשע לערנט זיך דערפון גייער?

— אז ווייל איז די נעסט־פייגל.

— פאַרוואָס?

— ווײַל הייליק די קינדער, נאָר הייליקער מוטערס: א סאָד איז דאָס האָבן, דאָס טראָגן — סאָד־סוידעס: דער ווינט האָט גע־טראָגן, דער ווינט וועט געבוירן.

— איז וואָס דערפון?

— איז היט דאָס אייעלע.

— זײַ זיכער, קוקו.



— אדאַנק, גייער.

האָט זיך באַלד צווישן ביים און בלעטער ווי א שאָרכן דער־הערט, די קוקו האָט מיט די פליגל א מאַך געטון, און שטיל און גיך, נישט באַמערקט און פינצטערלעך, אין וואַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן.

און אופגעשטאַנען בין איך דאַן פון מײַן געלעגער דאָרטן, די טאָרבע פון דער ערד אופגעעפנט, פון איר דעם שאַרבן אַרויס־גענומען, און שטיל און אין וואַלד, פאַרנאַכט און אף זעלבן אָרט, א קייווער אויסגעגראָבן, פאַרגראָבן, האָב דאָס אייעלע דאַן אין האַנט אַרײַנגענומען, צוריק אף מײַן אינדערפרי׳עדיקער סטעזשקע געקומען און אזוי, און אין דער נאַכט נאָך, אין וועג זיך אוועק־געלאָזט.

---

בין איך אמאָל אין א באַטאָג אין אן אָרט אַרײַנגעקומען. ווילד און אָפּגעזונדערט איז פאַר מיר א גרויסע און ווײַטע סטעפּ־שטרעקע געלעגן. אָנגעכמורעט און אומהיימלעך האָבן אף זײַן מיט פון ווײַטן זײַנע ווײַטקײַטן געקוקט, און וויסט און עלנט האָט זיך אף א זײַט, וואָס אקעגן מיר, עפּעס א באַרג אַרויס־געזעען.

שטיל און דאָרטיק איז דער האַלבער, פּוסטער און מאָרע־שכוירעדיקער טאָג אין סטעפּ דאַן געשטאַנען, גלײַכגילטיק און אָפּגעלאָזן זײַנען פאַר אים די הימלען און ערדן געלעגן, נישט וואַרטנדיק און אף גאָרנישט ניט אַרויסקוקנדיק, נאָר סטאַם־זיך און גלאַט־זיך האָבן אין זײַנע פּוסטקײַטן געקוקט און ווי נישט פון סטעפּ אליין און פון קיין זײַט זײַנער אף קיינעמס אָנקומען און קיינעמס פּאָנעם־כאַדאָשעס נישט געוואַרט.

און אײַנגעקוקט האָב זיך אין באַרג, וואָס איז אפן האָריזאָנט אין מײַן אקעגן־זײַט געשטאַנען, און געדאַכט האָט זיך מיר, אז אויסגעצויגן און הויך, לאַנג און ווײַט איז אף זײַן שפּיץ עפּעס א מענטש דאָרט געשטאַנען, לאַנג און איבער דער סטעפּ־שטרעקע אַהער און צו מײַן שטיין דאָ געקוקט, געקוקט און פון אָרט זיך נישט גערירט. און אויסגעוואַרט האָבן מיר זיך אזוי, איך פון דער זײַט און יענער פון זײַנער, און שטיל און אָן ווערטער און

וויַיט אזוי צווישן זיך, ווי צו א באשלוס געקומען: אָפּטיילן זאָל איך זיך פון אָרט מיַינעם, דעם סטעפּ און זיַין שוועל אריבערטרעטן און אהין צום בארג און צו זיַין אָרט דאָרט קומען: ער וואַרט אף מיר, און שטייט אזוי, און שטיין וועט און וואַרטן...

האָב איך זיך באלד און נאָך א קליינעם יִישעוו נאָך פון האָריזאָנט ארויסגעקוקט, די אויגן אופגעהויבן און אזוי, און שוין אף דער ערד נישט געקוקט, צו בארג און זיַין ריכטונג איבער סטעפּ זיך געלאָזט.

און אָט, ווי איך בין אין דער נאָענט צום בארג צוגעגאַן, אזוי האָב דערזעען, ווי הויך און אף זיַין סאמע הויכקייַט איז א לאנגער און מעשונעדיקער שטיינבאָק געשטאַנען און אויסגעצויגן און גוילעמיש מיטן פּאָנעם אין סטעפּ ארויסגעקוקט.

3rd donor

שטיל איז דאַן אין סטעפּ געווען. אומעטיק און פּוסט, ווי אָן א ציל און א האָפענונג איז פאר אים זיַין גרויסע און וויַיטע ערד געלעגן, וויסט און צוגעשלאָגן האָבן זיַינע וויַיטע און פאַרוקטע האָריזאָנט־עקן אויסגעזען, און הויך און לאנג, רויִק און באָקיש האָט וויַיט און אף דעם אלעם דער לאנגער, טעמפּער און נארישער גוילעם געקוקט.

און געקערעוועט האָב איך זיך צום שטיינבאָק און בא אים אזוי געפרעגט:

— גוילעם, גוילעם, אף וואָס וואַרטסטו, גוילעם?

— אפן גייער — האָט ער מיר געענטפערט.

— און ווער האָט דיר געזאָגט פון גייער?

— דער אלטער.

— און וואָס דאַרף ער דאָ טון?

— ער דאַרף אַן אייעלע געבן און א קסאַוו דאָ נעמען.

— פאר וועמען דאָס אייעלע?

— פאר מיַין נעסט.

— ביסט דאָך טויט, באָק־גוילעם?

— אויסווייניק.

— און אינעווייניק?

— לעב איך.

— האָב איך עס געבראכט.



— גיי־זשע פון הינטן.

האָב איך זיך פון באָק און פון שטיין פאר אים פון פאָרנט אָפּגעקערעוועט, אים ארומגעגאַן, אף זיַין רוקן־זיַיט זיך אויסגעדרייט און אזוי און אים ארומרינגלענדיק אים פון יענער זיַיט געקומען.

און ארופגעקלעטערט האָב אף דער מאצייווע זיַינער, אף דער הויכער, הויך אין רוקן, אונטער זיַין האלדז־און־נאקן אין זיַין נעסט אריַינגעקוקט און באלד און פון אויבן, אין טונקלקייַט און נאָענט באַם אריַינגאנג דאָס קסאַוו דערזעען. ארויסגענומען, האָב איך באלד בא דער ליכט און אף דער גלאטער זיַיט אָט די ווערטער איבערגעלייענט: — „דאָס אייעלע אין נעסט אריַינלייגן, דאָס קסאַוו נישט צענעמען, אוועקגיין און אפן וועג לייענען"... און נאָכאמאָל האָב איך זיך צו דער נעסט צוגעבויגן, אריַינגעקוקט, און דאַן פונהינטן, טיף און אף דעם באָדן־שטיין א נעסט דערזעען: קיַילעכדיק און אויסגעפלאָכטן, מוטערלעך און אויסגעבעט, מיט פעדערלעך און איבערגעבעט איז די נעסט דאָרט אפן באָדן געלעגן און שטיל און שוויַיגנדיק שוין אף אייעלע געוואַרט. און איך האָב עס אריַינגעלייגט: געהיט און פאָרזיכטיק אפן געהעריקן אָרט אפן ווייכן אריַינגעלייגט, האָב איך פארן אָפּגיין נאָכאמאָל צו דעם אריַינגעקוקט און אזוי און אף יענעם אָרט דאָס געפינענדיק, האָב זיך מיט דעם געזעגנט, דעם אריַינגעזאָגט:

leaves the 'egg' in the nest

— א גוטן טאָמיד, אייעלע.

און איך בין אָפּגעגאַן.

---

און אופגעעפנט האָב דאָס קסאַוו באלד אין וועג מיר אין אָנהייב, דאָס צעוויקלט, אריַינגעקוקט און, קוקנדיק און גייענדיק, אין דעם אזוי געלייענט:

what he read!

„דער גייער אונדז — ער שטייט אונדז נישט, ער גייט שוין לאנג און וועט ערשט גיין, אסאך געזעען און בייַגעווען, ער וועט ערשט זען... מיר וואַרטן אים, געטרויען אים און קעסיידער אף אים קוקן — אין וויַיטן דאָרט, אין וועגן דאָרט, אף טאָרבע און אף רוקן. נישט מיינען נאָר דער גייער זאָל, מיר קוקן אָבער וועַן, — אף הויכע בערג, אין היילן טיף, מיר מִיען זיך און טוען,

פאר אים, פאר אים מיר ציילן טריט און מעסטן אים די וועגן — און שפּריִיטן אויס געבעט פאר אים און טפילעס פאר אים לייגן. מיר ווארטן דאָרט אן איידע־גרויס אף ערטער און באהאַלטן — בעראָש פון אונדז צו לערנען אונדז די ליבע מיטן אלטן. און אלטער זאָגט: נישט טראכטן זאָל דער גייער זיך אין גייען, ער איז פארלאָזט אף וועג אליין, פון אלעם און פארזעען... ער איז געפּרוּווט געוועזן ביזהער אַון ווײַטער נאָך מען פּרוּווט אים — און הערן זאָל א קאָל פון ווײַט, מע רופט אויך איצט, מע רופט אים"... און אָט, ווי נאָר כ'האָב אָט דאָס קסאוו לייענענדיק געענדיקט, אזוי האָט זיך מיר געדאכט, ווי פון ווײַט, פון הינטער מיר און ווי פון א הויך אראָפּ, האָט מיך עפּעס א קאָל גערופן: „גייער, גייער". און, אז איך האָב זיך צום קאָל און ווי צום וואָלקן־מענטש אויסגעדרייט, האָב די אויגן געעפנט און גאָר דערזען: שטיל און אין האלבער נאכט בין בא דער באבע נאָך אין וואלד־שטיבעלע אפן באנק־בעטל געלעגן, צוגעשלאָגן און נאכטיש האָט דאָס קאנעצל דאָס שטיבעלע באלויכטן, און אין וואלד האָט נאָך געדרייט, ווינט און אומרו האָבן אין קוימען און הינטער מיר אין פענצטער געברומט. און די באבע איז איבער מײַן געלעגער געשטאנען, די הענט אף דער ברוסט פארלייגט און פארטראכט אזוי, און אזוי און שטייענדיק אף מיר מיטן קאָפּ געשאָקלט, געשאָקלט און מיך באדויערט: „אזוי יונג, און שוין אין גייערס געגאנגען". —

*back to beginning*

———



# ג יי ע נ ד י ק

האָב איך אים אין פעלד באגעגנט און אים אזוי געזאָגט:

— האר — דו — מײַן! דײַנע פעלדער זײַנען אָפּגעשניטן, הארטע שטרויען־שטיקלעך זײַנען נאָר פון דײַן זומער געבליבן, קילע וועלדער אנשוויגענע אף דײַן ווינטער ווארטן, פייגלען און פייגעלעך פארשידענע דײַנע לענדער פארלאָזן, און דײַנע וועגן ווערן פארומערט, דײַנע ווײַטן ווערן פארבלאָזן, און קיין קערנדל אף זיך דערנערן, קיין אָרט און שטיבעלע אף א קאָפּ אנידערלייגן, און בינען בין אליין, און גיין גיי באזונדער, און ווו ווער איך אהינקומען?...

האָט ער מיך אויסגעהערט און געשוויגן. איז ער פאר מיר געשטאנען און איך האָב געווארט. און געווען איז דאָס א פארנאכט, אן עלנטער און א סאָף־זומערדיקער, א טרויעריקער און א פעלדישער. האָט זיך פון דער ווײַט א יִשעוו אָנגעזעען: אפן האָריזאָנט, אין פארוקטע ווײַטקײַטן האָבן זיך אין טונקלקײַט און אף באנאכט שוואכע רויכעלעך געדרויכערט, זײַנען זיי שטיל און ווײַט צום הימל אופגעגאנגען. האָט ער מיר אהינצו נאָר מיט א פינגער אָנגעוויזן: — „א יִשעוו" — האָט עס געהייסן — „און אויב ער ווינטער שרעקט, איז — נ י ש ט, אויב די וועגן שרעקן, טוט מען ווי א ל ע: פארלאָזט מען פעלד און וועגן, איז נישט פ א ר דיר זײַנען וועגן"...

האָב איך נישט געוואָלט אזוי. האָב איך פאר אים געקניט און שטיל געלעגן, געלעגן און בא אים מעכילע געבעטן:

— ניין, ד ײַ ן צײַט איז מ ײַ נ ע, דײַן ערד איז מײַן ליבע, איר ווינטער — דײַן ווילן, און איך גיי אויך אום ווינטער"...

האָב איך זיך אוועקגעלאָזט. רעגנס און רעגעלעך האָבן מיר מײַן טאָרבע און מײַן וועג שווער געמאכט, נעכט און פארנאכטן